STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02939

DI ZUN UNTER VOLKNS

Shelomoh Zimiles

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה זימילעס

די
זון
אונטער
וואַלקנס

פאַרלאַג „אור״, תל־אביב

א מתנה

אונדזער ליבן פאָטער

שלמה בן משה־ראובן

צו זיין 80 יאָריקן

געבורטס־טאָג.

הערשל און משה

August, 10.1976

Dear Father,

This letter is being written to reach you on your 80th birthday. It is after all, a major landmark, and really an occasion for the family to be together to celebrate with you – – – despite the fact that we tend to be a non-celebrating family... Only the very extraordinary circumstances of my personal life have led to my not being with you at this time, and I am asking that we delay the celebration until my return. In one respect it seems as though the celebration of your 80th birthday is less called for than most for such cases. It is not because you tend to play down celebrations... I tend to disagree with you in regard to this policy. Rather, I am thinking about the fact that you are such a relentlessly reflective and stock taking person that you don't need special occasions to stand back to reaxamine and reassess your life... One of your most outstanding traits is that you have steered the ship with alertness and purposefulness every minute of your waking life. You have never been asleep at the wheel, as they say, and you have never really taken time off. So when the ship reaches a notable landmark in its journey, and everything is intact and in order, and continues to move ahead with vigor and purpose, it is not so surprising in light of who has been at the helm, and how thoughtfully the trip has been planned and executed.

Another way of stating what I am trying to express is that you have a profound sense of the monumentality of life. It is perhaps the most important of the abundant legacies transmitted to your children, and hopefully to be perpetuated from one generation of Zimiles family to the next... and the next...

No matter how old and mature an adult may become, he seems destined to remain childlike and dependent in relation to his parents. This seems to be a fact of nature. But at least on this occasion, it is time to step out of my baby shoes and pay tribute to what has been an inspirational life.

With my deepest love

Your son

הערשל

*

To my Father, whose shining spirit could be counted on to penetrate and prevail in the sometimes murky corporal world.

As your son, you were often my "Sun beyond the clouds"...

So it is my privilege now to honor this aptly titled, printed portion of your life's work and credo.

Your junior

משה בן שלמה וגיטל

פאָרוואָרט

ווי אַ פויער וואָס יאָגט זיך שפעט אין זומער, נאָך אַ לאַנגער קייט פון שעדלעכע וועטערן, איינזאַמלען דעם מאָגערן שניט פון זיין שווערער מי — אַזוי דער מחבר לגבי זיין גייסטיקן פאַרמעגן, וועלכן ער פרוווט אַריינברענגען אונטער די טאָוולען פון דעם ספרל באַקרוינט מיטן נאָמען „די זון אונטער וואָלקנס" און געווידמעט דעם זכרון פון די מאַרטירער און קדושים פון מיין עפּאָכע. איך וויל האָפן אַז דאָס בוך וועט זיך דערשלאָגן צו אַ ליבהאָבער פון מאַמע־לשון י י ד י ש, וואָס איז אונטערן צייכן פון אַזאַ גרויסע ירידה צוליב דעם גרויסן חורבן פון אייראָפּעאישן ייִדנטום, וואָס האָט נישט נאָר גערעדט נאָך אויך געאָטעמט ייִדיש און איז פאַרשניטן געוואָרן צוזאַמען מיט דער פּרעכטיקער און פרוכטיקער ייִדישער שעפערישקייט. איך גלויב אַז דער לייענער וועט דערשפירן דעם כאַראַקטער־שטריך פון מחבר וועמענס כוח־הדמיון און הייסע טריישאַפט צום ייִדישן פאָלק האָבן געהאַלטן זיין מוח וואַך צו די „דם ואש ותימרות עשן" פון 20־טן יאָר־הונדערט און זיין האַרץ אָפן צו די פרייד און זכייה אַריינאוצרן אין זיין באַוווסטזיין די בשורה פון 29־טן נאָוועמבער 1947 מיט דער פּראָקלאַמירונג פון אונדזער סוווערעניטעט — מדינת ישׂראל.

פונדערוווייטנס האָב איך נאָכגעפאָלגט יעדן שריט פון אונדזער יונגער מדינה, איבערגעלעבט אַלע אירע ליידן און פרייד, מיט־געטרויערט יעדן קרבן וואָס איז געפאַלן אויף איר מזבח, געוויי־טאָקט דעם קליינעם ביישטייער פון אַמעריקאַנישן ייִדנטום און דער קליינער עליה פון ייִדן פון אַלע תפוצות, און אין מיינע לידער און צייט־נאָטיצן פּרוביר איך געבן אַן אויסדרוק צו די אַלע געפילן מיינע.

איך האָב שטענדיק געבענטשט „שהחיינו" אויף יעדע דער־גרייכונג פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער מדינה, געווען שטאָלץ מיט יעדן אויפשטייג פון אונדזער קולטור, מיט יעדן ביישטייער פאַר דער מענטשהייט, אָבער איך האָב שטענדיק געזען נישט נאָר די זון נאָר אויך די וואָלקנס, און פון דאַנען שטאַמט דער נאָמען פון דעם בוך.

שלמה זימילעס

סעפטעמבער 1976

לידער מײַנע

איר זײַט מיר אַזוי חשוב טייער.
איר האָט זיך ווי אַרויסגעכאַפּט פון פייער
וואָס שׂנאה צווישן טאַטע מאַמע
האָבן געבריט מײַן סענסיטיווע קינדערשע נשמה.

לידער מײַנע,
כ׳ווייס די צײַט וואָס האָט אײַך פאַרזייעט
און די קראַמפן פון שווער געבוירן:
אַמאָל אין די פריע צאַרטע יאָרן
ווען בייזע זאַווערוכעס האָבן זיך צעוואָיעט
איבער בעסאַראַבער שטילע וועגן
און מיט הויכע הורבעס שניי פאַרווייעט
און טאַטנס באָרד מיט פראָסט באַלעגן.

יוגנט מײַנע,
כ׳געדענק די בילדער טיף אין מוח
ווען פון דאָרפישע כאַטעס צום הימל הויך
האָט זיך געצויגן פרום דער רויך
און ווען פון פאַרמיסטיקטער שטאָל
דאָס קעלבל מיט די גרויסע אויגן
איז צוגעלאָפן זיך אָנצוזייגן
מיט זיסער מילך פון מאַמע קו
וואָס האָט נחתדיק דערלאַנגט די אַטער
מאַמעש זעטיקן מיט יעדן ציי
אַליין קייענדיק היי מיט אַזוי פיל רו.
ביידע קו און קאַלב גליקלעך זאַטע...

אַ ייִנגעלע און אַ פייגעלע

וואַקסט אין הויף אַ בוימעלע,
אויפן בוימעלע אַ צווייגעלע,
אויפן צווייגעלע אַ פייגעלע.
ווען ס׳שפּרינגט זיך
ווען ס׳זינגט זיך
און ווען מיט אַנדערע
ס׳שפּילט זיך...

שטייט ביים פענצטער
אַ ייִנגעלע.
די אייגעלאַך געצילט
צום פייגעלע,
וווּנדערט זיך און טראַכט:
דאָס צווייגעלע אַ דינינקעס
זיך דאַכט.
און קוק אָן! דאָס פייגעלע
באַוועגט זיך אַזוי פריי,
און אַ מאָל צו צווי, צו דריי,
און ווי אויף אַ פעלד אַ גראַמען
שטיפן זיי, טאַנצען, זינגען
און ווען עס גלוסט זיך
אונטערשפּרינגען...
ווי פריי געניסן זיי צוזאַמען...

1926

פריִע קינדהייט

אין צויבערוויגל ס׳דרימלט
דאָס ניט לאַנג געבוירן קינד.
ווי אַ וואָלקענדל געטריבן פון ווינט
טראָגט זיך מילד איבער בלויען הימל
דאָס פּרצופֿל מיט פֿרישקייט שיינט
אָן זאָרג פֿאַר מאָרגן... אַ זיסער היינט.

מיט לייכטן ריר וואַכט עס אויף
צועפּנט די פֿרימאָרגן אויגן
ס׳האָט דערשפּירט דעם סוף
פֿון נאַכט... חשכות האָט אָפּגעצויגן.
ס׳כאַפּט אויף דעם קריי פֿון האָן
און פֿרייט זיך מיטן אויפֿגאַנג פֿון דער זון.

גלייך ווי אַ טיפֿער סוד אַרום דער וויג
עפּיס ווי מלאכים שטייען אויף דער וואַך
טרייבן אָפּ מזיקים סיי בייטאָג, סיי ביינאַכט.
דאָס נפֿש׳ל הערט זיך איין צום זשום פֿון פֿליג
וואָס גיט צו קלאַנג צו געבורט געזאַנג.
פּלוצים דאָס פּנימל צושמייכלט, און ס׳לאַכט...

ווינטער

פאַלט דער שניי אַרונטער
שעמערירט אַ יום טוב ווייס
גליטשן זיך קינדער מונטער
אויף שניי באַדעקטן אייז.

ס׳פּאַטשט מיט פראָסט אין פּנים
אַ מוראדיקער ווינט
קינדער זענען עקשנים
און שליטלען זיך געשווינד.

ווער ס׳שלעפּט זיך באַרגאַרויף
מיט די שליטענס אונטער זיך
אַנדערע ווידער אין געלויף
באַרג אַרונטער יאָגן זיך.

אָ, נאַריש זענען פּאָטער מוטער
וואָס זיי ציטערן פאַר קעלט,
— אַראָפּ פון אויוון, ווער מיר ציטער,
נעם אַ שליטן און קער אַ וועלט.

1926

אַ דאָרפישער קאַיאָר

ס׳טראָגט זיך אַ געקלאַנג
צום מענטשן אין געצעלט
גאָטס שליח, דער מאָרגנשטערן
האָט זיך צויבערלעך צוהעלט.

צווינגען האָבן זיך די פייגעלעך
צוקרייעט מיט אַמאָל דער האָן,
דאָס זויגקינד אין וויגל צועפנט אייגעלעך,
עס אָנצוזויגן, לויפט מאַמע אָן.

צומעקען זיך די ציגעלעך
און די לעמעלעך נעבן זיי.
הונגעריק צולאָזן זיך די קעלבלעך...
ס׳דערגייט צום פאַסטעך דאָס געשריי.

ער וועקט דעם הונט אין שטיבעלע
נעמט די טאָרבע אויפן אַקסל
אָנגעפילט מיט ברויט און ציבעלע
און אַרוים אויף לאָנקע גרין צוּוואַקסן.

ער דערמאָנט זיך אַריינטרייבן אַ צוואָק
און דאָ און דאָרט אַריינשרייבן אַ שרייפל
אויפן באַראַנס האַלז אויסגלייכן דעם גלאָק
און פאַרגעסט ניט מיטנעמען דאָס פייפל.

דאָס ווייב, צורעכטגעמאַכט די שטוב
שפּאַנט מיט מעלקשעפל אין שטאַל אַקעגן
מעלקט און מעלקט און רוט זיך אָפּ
דאָס יונגע קעלבל אָנצוזייגן.

נאָכהער, מיט אַ פאַרטוך פול מיט קערנער
רופט צונויף עופות קליין און גרויס...
לאָזט זיך אין פעלד אַוועק רייניקן דערנער
מיט סאַפּע אַרום גרינסן שפּראָצנדיק פאָרויס.

ריר זיך

װילסטו גאָטס געהילף זײַן
דאַן צונעם די הענט און שאַף.
שטײ ניט אױף אַן אָרט
צעשפּאַן די פיס
און צי דיך באַרגאַרױף.

ביסט צוטומעלט, װײסט ניט װוּאַהין?
זאָרג ניט װאָס צוטומעלט װערסט,
רײב די אױגן הין און הער...
ס'װעט דיר ליכטיג װערן
װעסט נאָך אַ געשרײ טאָן
ליכט, אור...

קוים זעסטו ליכט איז גוט
דאַן װײסטו װוּ די האַנט צו שטרעקן.
קריגסט ליכט אין האַרץ
און אַ פרישן שטראָם פון מוט.
ס'װערט ברײט פאַר דיר דער װעג
צו באַטרעטן מיט דײַן װואַנדער שטעקן.

זײַ ניט אױף אַן אָרט,
פיל ניט דײַנע הענט אומזיסט.
לאָז ניט איברים װערן אײַנגעדאַרט
באַװעג זיך װײל אַ לעבעדיקער ביזט
דערפיל אַ פרישער כוח אין דיר שפּאַרט.

װילסט אַ געהילף צו גאָט זײַן
דאַן צופיר די הענט און שאַף.
שטײ ניט אױף אַן אָרט
צעשפּאַן די פיס
און צי דיך באַרגאַרױף.

זאָג מיר רבניו

— „זאָג מיר רבניו פֿאַרוואָס,
דער טאָג
דער העלער
האָט זיך מיט דער גרויסער זון
פֿאַרקנסט...
און די נאַכט די פֿינצטערע
האָט זיך בלויז מיט שטערנדלעך
אין לאַנגען וועג
אַריינגעלאָזט?"

— „פּאַשטייסטו זונדעניו:
אונטער דער העלער שיין פֿון טאָג
ווערט דאָס אמתע שאַפֿן
פֿון דעם אַרבעטמענטש
אין איין גרויסן אויסגאָס
ווי די זון צונויפֿגעבראַכט.

און מיטן אָנקום פֿון דער נאַכט
ווערט די גאַנצע לעבענסמאַסע
אין מיליאַסן שטיקעלעך צעקלאַפּט
און יעדער איינער אויף דער ערד
ווי יעדער שטערנדל אין הימל
האָט זיך פֿאַר זיך
אַ שטיל וועלטל'געמאַכט".

1926

אַ וואַסער מיל אין ווינטער

נאָך אַזוי פיל יאָרן, דאָך ניט אָפּגעמעקט
דער הויכער שנייבאַרג ביי דער טיר...
ווען און וועלכע זאַווערוכע
האָט טיף פאַרווייעט דעם וועג
פון מענטש צו מיר, און פון מיר
צו מיין פריִער מענטש־משפחה.

אַ גליק וואָס פינקעלט אין זיכרון
ווי אַ שטערן אין טיפער נאַכט,
און דערמאָנט מיין בעסאַראַבער ווינטער
ווי פאַרטייעט די אַלטע וואַסער־מיל
שטייט זיך דאָרט אין עק פון דאָרף
ווער ווייס שוין וויפל יאָרן?

שטייט זיך אַזוי פרום און שטיל,
ביידע מילשטיינער די ציין פאַרצויגן
די פענצטער אָפן ווי לעבעדיקע אויגן
קוקן מיט אַזאַ טיפן־טיפן עלענט
צו די ברייטע פעלדער ווייטע
מיט שניי און פראָסט פאַרווייטע.

ניט ווייט אין שטוב דער מילנער שלאָפט
בייטאָג און חלומט מיר פון מעל
די ווייב שלייכט דורך און כאַפּט אַ קוק פאַרגאַפט:
„שטעלט זיך אָפּ די מיל, ווערט פון אים אַ תל"...

די גרויסע וואַסער ראָד
הענגט מיט אייז פאַרקאָוועט טויט
ווי אַ פּנים אויסגעווייקט מיט טרערן

טרערן פאַרגליווערט אין קרישטאָל
ווו ס׳שפּיגלען זיך ביי נאַכט די שטערן.

אַלץ רוט אין ווייסן שניי
וואַלד, דאָרף, באַרג און טאָל.
דער ווינט צו מאָל גיט דעם שניי אַ דריי
אַ בילד! טאַקע נאָר פון גאָט געמאָלן...

ס׳ווילט זיך נאָך אַ מאָל אַ קוק טאָן...
אייז און שניי צעשמאָלצן און יאָגנדיק אין טאָלן...
דערהערן אין פאַרטאָגן דעם קריי פון האָן.
צו שפּעט! אַוועק דער נעכטן! פאַרפאַלן!!

1936

אומרו

ס׳רייסט מיך צו די וואָלקנס
ס׳ציט מיך פון דער ערד.
אָ, ווי קריגט מען פליגלען
געפלויגן וואָלט איך,
ווייניגער געקלערט.

יעדן מאָרגן וואָלט איך פליִען
צום סאַמע מזרח
ווו די זון גייט אויף...
און אָוונט וואָלט איך ציִען
אַהין צו מערב
ווו נאַכט וואַכט אויף.

כ׳וואָלט זיך טראָגן
איבער וועלדער,
הערן ווי די ביימער זינגען
סודותדיק זייער ליד.
כ׳וואָלט זיך יאָגן
איבער פעלדער
און בענטשן יעדן פויער
וואָס האָרעוועט ביים שניט.

דערווייל ליג איך
אַ געצוימטער
מיינע אויגן אָפן
און איך טראַכט:
דאָס לעבן איז צו ניכטער!
שוין בעסער אַ פאַרטרוימטער
צו שוועבן ווי אַ שטערן
אין דער טיפער נאַכט
און פילן אַ געצוימטער.

זומער אידיליע

װעמענס פּענדזל האָט דאָס פעלד געמאָלן
און װעמענס פאַרב האָט עס באַחנט?
שװאַרצער אַקער; װײַסע בלומען; גרינע טאָלן;
זון־רױזן מיט גאָלד די קעפּ באַשײַנט.

אױפן באַרג אַ װעלדל צעשפּרײט זיך
די װאָרצלען טרײַבט עס אין דער ערד
און די שפּיצן צו דער זון;
אין טאָל אַ טײַכעלע צעגיסט זיך
װי אַלע פאַרבן שפּיגלען זיך דאָרט אָן.

אױפן װאַסער גליקלעך־מונטער
שװימט אַ מוטער־גאַנדז פאָרױס
אונטער איר אַ גאַנצע סטאַיע
קלײנע גענדזעלעך באָדן זיך מחיה.

אַלע מאָל אַן אַנדערס טונקט זיך אונטער
אַ טונק אַרײַן אַ טונק אַרױס.

בײַם ברעג אױף גרינער לאָנקע
יונגע לאָשיקעס צו פּאַשען בלײַבן
און מיט גראַציעזע העלדזער שלאַנקע
שאָקלען זײ, בײַזע פליגן צו פאַרטרײַבן.

בין השמשות

בין השמשות, ווי צויבערלעך דו ביסט
אָט איז טאָג, אָט ווערט נאַכט...
פאַרשיכורט בין איך פון דיין פראַכט
אַזוי פיל פאַרב גאָטס קראַפט צוגיסט.

טראַכטסט, ווי אַ סודותדיקער קאַמף
גייט אָן צווישן טאָג און נאַכט...
די זון אין פייער נידערט אין בראשית טראַכט
און לבנה צעצינדט איר חלום לאָמפּ.

ווי דער קינסטלער מאָלער פאַרט קאָלירן
דאָס בילד זאָל שיינקייט ניט פאַרלירן
אַזוי אַלמעכטיקער האָסט צונויפגעבראַכט
די ערליכע ליכטיקייט פון טאָג
מיט שטילן צויבער פון דער נאַכט
און האָסט אַ ברכה איבער דעם געמאַכט,
און מיט שטערן שפראַך געזאָגט:
יאָ! ס׳איז געטליך! און באַקרוינט מיט נאָמען
„צווישן טאָג און נאַכט״...

גנעדיק פייער פון אמונה
דרינגט טיף אין בענקענדיקער נשמה.
זעליג גליק שעפּט דאָס אויג.
און שטיל געבעט דעם קערפּער בויגט...

האַרבסט

יאָגט ניט שווערע וואָלקענס,
און איר צפון-ווינטן בייזע
האַלט איין אייער אָטעם,
ס׳גרינט אַצינד דער ווינטער ווייץ
און ס׳רויטלט זיך דער דאָרן.
ס׳הענגען נאָך אויף צווייגלעך דאַרע
שפּעטע פּאָמידאָרן.

צאַרטע שמעטערלינגען מידע
צערטלען פאַרביק מיינע אויגן
ווען זיי נידערן צו בלומען
אַ קוש...
און ווייטער אָפּגעפלויגן.

טיפער הימל,
שפּרייט מילד דיין בלויען ליילעך,
און זאָל דער עלענט
פון פעלדער נאַקעטע
זיך באָדן
אין קורצע שטראַלן פון דער זון.

ניט צעשטויבט זאָל ווערן
דאָס שיינע גאָלד פון בלעטער
וואָס מאַטערט זיך
איבער ערד צעשיט.
און ניט פאַרטראָגן
זאָלן שפּעטער פייגל
צום ווייטן דרום
זייער פריידיק ליד.

זאָל ציִען לאַנג
דער איבערגאַנג
פון גרין און רויט
און פעלד און וואַלד.
און זאָל אין אויסגעשטרעקטען
האַלדז פון האָן
ניט שטראָמען
קאַלטע לופט ווי אייז
ווען זיין מאָרגן בשׂורה
דעם שלאָף צערייסט
פון פאַסטעך וואָס בורטשעט בייז.

ער ווייסט:
פאַרביי די לאַנגע טעג
פון קלאַנג און זון.
אָט אָט דער בייזער ווינטער
רוקט זיך ווידער אָן.

סעפטעמבער, 1936

פּאַטישער האַרבסט געמיט

אין ניו־יאָרק אַ דיכטער
איינזאַם, אין דער שטאָדט געדיכטער
טראָגט זיך ציללאָז איבער גאַסן.
ער האָט קיינעם נישט צו ליבן
און אַפילו קיינעם נישט צו האַסן
גייט ער זיך אַליין זיין גאַנג.

פּלוצים, ער דערהערט אַ קלאַנג:
דער סוף פון רייפן בלאַט וואָס פאַלט
פון בוים אויף קאַלטען
שטאָטישן אַספאַלט.
און דער עכאָ זינגט ביי אים אין האַרץ:
„ברוך דיין אמת!"
— „גאָר ניטאָ צו האַרבן
דער ווינט פאַרטראָגן וועט דעם „מת"
שיין געלעבט און שיין געשטאָרבן".

און מיט דעם שפּרוך שפּאַנט ער ווייטער...
אַ שווערע משׂא איז פון אים אַראָפּ.
ס'איז געוואָרן עפּים ליכטיקער אין קאָפּ.
אָפּגערוקט האָט זיך מרה שחורה שוואַרצע
אַ שטראָם פון מוט האָט דערשפּירט דאָס האַרץ.

דער אויבערהאַר פון ערגיץ ווייט
האָט אים אַ חלק גליק דערלאַנגט:
די גסיסה פאַרב
פון האַרבסטיקן געזאַנג...
אַ שאָד אַזוי פיל גאָלד
אונטער פיס וועט צוטרעטן באַלד...
אין מוח קומט אַ נייער איבערבייט...

די מאָרגן בשׂורה

גאָטס שליח, דער מאָרגנשטערן
האָט זיך בשׂורהדיק צעהעלט.
ס׳דערטראָגט זיך דער געקלאַנג
צום מענטשן אין געצעלט:
אַרויס פון פינצטער-קלעם,
שפּיץ אָן דעם אויער און פאַרנעם:
ס׳טרעט אָפּ די נאַכט איר אָרט
דעם מיט זון פאַרקנסטען טאָג.

שלאָף ניט מער, זיי וואַך,
שטיי אויף, צי אַרויף דעם ראָק.
גיי אַרויס אין פעלד,
דעם גאַנצען וועלט-באַשאַף
גוט מאָרגן, זאָג!

זע, די פרומע בלום די נאַסע
מיט טרערן די ליפּעלעך באַגאָסן
טרערן ניט פון טונקעלן טרויער,
נאָר פול מיט פרייד די טרערן ראָסע.
אָפּגעפרישט פרייען זיך די גרעזעלעך,
די זון קומט ווידער אַהער...

מענטש, שלאָף ניט מער, שטיי אויף,
אַרומגעוואַשן, גיי אַרויס אין פעלד
און דעם גאַנצן וועלט-באַשאַף
„גוט מאָרגן״ זאָג...
קנאה, שׂנאה, פון געדאַנק פאַריאָג!

אין געפאַנגענשאַפט

חבר, ווּ ביסטו דאָרט אין שלאַכטפעלד?
דו צילסט די ביקס, דו שאַרפסט די שווערד?!
און איך געפאַנגען בין, ניט מער א „העלד".
אַן איבעריגער... אויף פרעמדער ערד.

ווי אַ פינגער אָוועקגעהאַקט פון האַנט
אַזוי ווערטלאָז, עלענד בין איך דאָ,
דעם קאָפּ געבויגן, אין האַרץ אַ בראַנד...
פון אַלע האָפענונגען, בלויז איינע: „די מיטאָג שעה"...

יאָ, פאַרשוווּנדן איז מלחמה טויט געפאַר,
געפערליכער איז אָבער דער יאוש וואָס דריקט אונדז שטום.
אויף יעדנס פּנים איז אויסגעגאָסן אַ ים מיט צער...
יונגע מענטשן, ווי די שאָטענס בלאָנקען זיך אַרום.

ניט מקנא זיי מיך חבר!
דיך חבר, איז אויך נישט וואָס מקנא זיין
ניט פריי בין איך, אַ קענכט אַנשטאָט אַ בראַווער
און דאָ, אין שׂונאס אויגן ביסטו הבל, און ער קַין...

1926

רו־אידיליע

לאַנגזאַם ציִען זיך די שאָף
אויפֿן ברייטן גרינעם פֿעלד
אונטער זיי דער פּאַסטעך ווי אין שלאָף
חלומט זיך זיין שיינע וועלט.

דאַכט זיך, אָרעם איז ער:
זיין גאַנץ פֿאַרמעגן איז אַ שטעקן
אַ באָרוועסער, אָן שיך
פֿון רויער לייוונט איז זיין קלייד.
זיין פֿאַנטאַזיע
איז אָבער רייך אָן עקן
און זיין וויזיע
ווי פֿריי, ווי ברייט.

לאַנג דער טאָג דער הייסער
ס׳גליט די זון אין הימל...
די וואָל פֿון שאָף
ווערט פֿייכט פֿון שוויים...
ער גייט זיך רוּיִק
ווי אין דרימל
גלייך ווי אויף דער וועלט
איז ניטאָ קיין בייז.

צווישן ליכט און שאָטן

די פאַרברעכן מגפה אין אַמעריקע

אַלעס איז גרוי, נעפּלדיק, ניט קלאָר,
בלאַסער ווערט די ליניע צווישן נאַכט און טאָג.
אין אָוונט שליס זיך צו אין הויז, באַשטייג וואָס וויניקער אין צאָג
אַזוי פיל מאָרד און רויב... קאַפּויער ס'שטעלן זיך די האָר.

דאָך צעשפּילט זיך אין זיכרון דער פריִער נעכטן
ווען מענטש ווי פויגל איז אין פּאַרק געשלאָפן.
זיך געחידושט: ווען אַ פאַרברעכן איז פאַרלאָפן...
אימיגראַנטן אָנגעלאָפן פון רעזשימען וואָס פאַרקנעכטן.

אויך היינט ווערט דיין בירגערשטאָלץ געהויבן:
מוסט נישט מיט פרייען וואָרט זיך שטיקן.
מיט מויל און שריפט אָן מורא אויסצודריקן...
אָפן אַלע וועגן, ניט וואַרטן אויף דערלויבן.

און היינט: ווען דו עפנסט דעם קוואַל פון נייעס
ווערט פאַרפּלייצט דער מוח ווי בלויער הימל פון אַ וואָלקן.
די מענטשליכע באַנעמונג מיט הפקרות ווערט פאַרטראָנקן...
ווו איז די שיינע דרך־ארצדיקע אחריות?

הער זיך איין! ווילסט פאַרטרייבן מורא, חורבן אויסצומיידן?
פאָדערסט גוטע מידות... צי פאַרמאָגסטו זיי אַליין?
צי לייגסטו צו אַן אַקסל די וועלט צו האַלטן ריין?
דערלאַנגען שפּייז דעם הונגעריקן? דעם נאַקעטן באַקליידן?

יולי, 1973

דער וועכטער פּאָעט

ווי לאַנג קאָן מען אָפּשטופּן די נויט?
מיט חלומות אַרומגיין אַ פאַרשמאַכטער?
אין בעקעריי אומזיסט גיט מען ניט קיין ברויט.
אַ פּאָעט אָן אַרבעט פאַרדינגט זיך פאַר אַ וועכטער...

מיט אַ סענדוויטש אין קעשענע און שרעק אַ סך
אַוועק צו זיין נאַכט אַרבעט: די וואַך.
דאָרט איז ער שומר איבער יעדע זאַך,
און די לאַנגע ווינטער נעכט זיין וואַך...

ער קוקט אַרום, צו ווערן מיטן אָרט באַקאַנט.
דעם אַרבעט שטח ער באַשפּאַנט
און צו מאָל ער שפּאַרט זיך אָן אין וואַנט
אַליין מיט זיך: די עטאַפּן פון זיין גורל ער דערמאָנט.

דער פראָסט בריט, מיט שניי אַרום
ווערט שטילקייט פון דער נאַכט נאָך מער שטום,
אָפּטמאָל ער טרעט אַריין אין וואַך-געצעלט
אָנוואַרעמען די ביינער פון שאַרפער קעלט.

נאַטירלעך, אַ פּאָעט, חושים האָט ער שאַרפע;
זיין אויער כאַפּט אויף יעדן שאָרך...
פון וווייטנס דאָס ראָמבלען פון אַ האַרפע...
און אָט דערגרייכט צו אים אַ ריר... ער האָרכט:

פון ערגיץ טראָגט זיך אַ דריוונער לויף.
דאָס האָט אַ קאַץ דערשמעקט פון טויטן עוף
אַ ביין אין אָפּפאַלקאָרב.
זי לויפט פאָרויס, און אַנדערע לויפן נאָך.

און אָט גייט דורך אַ צעקרומטער מאַן
אין שווערע בגדים אָנגעטאָן,
פון פּלייצע שפּיצט אַרויס אַ האָרב.
שפּעט ביי נאַכט... פון וואַנעט קומט ער אָן?

— „כאַטש קליין־געוויקסיק און צעקרימט
ניט איין מאָל מאַכט עקשנות ,זיי' באַרימט...
אין שטרייט פון גייסט מיט חומר
ווערט גוף באַזיגט", קלערט אין זיך דער שומר.

שווער צו שטיין אין ווינטער נאַכט אַליין
פון מורא אַריינצופאַלן אין דרימל
דרייט ער אויס דעם קאָפּ צום הימל
צו זעטיקן די אויגן מיט לבנה שיין.

ער פאָלגט נאָך דעם צויבער פון די שטערן
איינציגע צעוואָרפן סודותדיק און קליין...
אַנדערע אין גרופּקעלעך טוליען זיך געדיכט.
דער פּאָעט אין אים וויל הימלישן געזאַנג דערהערן
שלינגט מיט אינער אויג גאָטס צויבער ליכט.

דאָס איז דעם פּאָעטס אָפּגעשפּאָרטער שכר
פאַר די שלאָפלאָזע פאַרקויפטע נעכט...
ביי דער וועלט איז ער אַ שלימזלדיקער נאַר:
„ווייסט ניט ווי צו קעמפן פאַר זיין רעכט"...
אָבער ניט יעדער בר־נש צו זיין וויזיע דערגרייכט.

רוף צו יוגנט

וואָס זיצסטו, בחור יונגער
די הענט פאַרלייגט און טראַכטסט
וואָס טראַכטסטו אַזוי פיל
און ווייניק טוסטו אויף.

שטיי אויף!
ארונטער טרייסל דעם געדאַנקענשטויב
פון דיינע יונגע אַקסלען,
פאַרלאָז דיין פוסטע נעסט
וואָס ווירקט ווי מאָרפים
אויף דיינע יונגע בלוטן
און מיט דיין גאַנצער יוגנט קראַפט
שפּרינג אַריין אין קאָך פון לעבן
ווי אַ געוואַגטער שווימער
שפּרינגט אין כוואַליעדיקן ים.

און אַז שטיינער ליגן דיר אין וועג
ניט שרעק זיך אָפּ...
נאָר שפּאַן אַריבער זיי
און צי זיך מער פאָרויס.
ניט קלערן פון קיין מידקייט
ביז וואַנעט וועסט ניט הייבן
דיינע הענט אַריינגעשטעקט
אין ברייטן לעבנס פּאַס.
שעפּ אָן דיין בעכער פול
זים צו ביטער.
און דערמיט דערקוויקן
די ליפּן פון דיין יוגנט.

דאַן מעגסטו רויִק קלערן
ווי אַזוי דיין לעבן צו אַ ציל דערפירן.

שטורם איבער אָזערע

איבער אָזערע אין פּראָספּעקט פּאַרק
פֿאַרטאָג, האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ שטורם,
איר אַ קוש געטאָן אויפֿן שפּיגל פּנים
ווי מיט בייטשן איבער איר געשמיסן
מיט ליידנשאַפֿט אין די וואַסערן אַריינגעביסן
אַזש כוואַליעס האָבן זיך איבער איר צוגאָסן
און פֿון אַרום די גראָזן אָוועקגעלעקט די ראָסע.

נאָך שיכורער געוואָרן דער ווילדער ווינט
און שטורמישער אַ פּיר געטאָן דעם אָטעם
איבער כוואַליקע ברוסטן אין פֿולן גאַנג...
טיף אין פּאַרק האָט אָפּגעהילכט דער שטורם.

די וועכטערינס, די פֿרומע ווערבעס
וואָס שטרעקן געהאָרכזאַם פֿול מיט ליבע
זייערע העלדזער צום וואַסער שוים
האָבן זיך נאָך טיפֿער אָנגעבויגן
ווי מיט אַנטענעס — געדוקט פֿאָרויס —
אויפֿצוכאַפּן דעם געווירבל קלאַנג
פֿון וואַסער און ווינט געראַנגל.

די פֿייגל, דערהערט דעם ווינטס מוזיק
האָבן באַלד איבערגעריסן זייער מאָרגן תּפֿילה.
אַ פֿלי געטאָן צו די צוקאָכטע ברעגן...
אויפֿגעכאַפּט די כוואַליע טענער
זיי אָנגעלאָדן אויף פֿליגל... און צוריק
אָפּגעפֿלויגן אין פּאַרק געדיכטן
זייער קאַיאָרידיקן געזאַנג אָפּריכטן.

פֿלוצים פֿון מזרח זיך אַרויסגעשאַרט די זון
מיט אירע צאַרטע שטראַלן אַ גלעט געטאָן

אָזוערעם פאַרצאָרנטע פּנים...
און שאַ, שאַ שטיל געוואָרן.

בגניבה, אַ געהיימע האַנט דעם ווינט פאַרשטויסן
און די אָזוערע באַרויִקט פון שטורם גרויסן
האָט זי אַ ניי־געבוירענע אַן אָפּגעפּרישטע
אַ קוש געטאָן די ברעגן נאַסע...
און ווידער רויִק זיך געפלאָסן...

הער זיך איין

האַלט איידל דיין באַציִונג
צום עצם מענטש!
איידער טייטן אויף חסרונות,
בעסער זיינע מעלות בענטש.
אורטייל ניט יענעם פון דערווייטנס
מ׳וועט מיט כבוד שוינען
דיין באַנעמונג צו אַ צווייטן
פריינדליך — שאַפסט אַ פריינד... אומגינסטיק — אַ שונא,
האַלט זיך נישט אַלס אַ פולער פסיכאָלאָג
ווער שוין בעסער אַרכעאָלאָג
אַ גראָב טאָן אין טיפקייט פון נשמה
צו איז זי זויבער,
אָדער — חלילה — טמא?!
טו דיין גראָב מלאכה
מיט אַ ריינער כלי
ניט פאַרבלענדט זיין
פון צעהיצטער קנאה
און כשר ריין פון שנאה.
זיי ניט שיכור מיט דיין „איך"
ניט אין זינען האָבן נאָר „מיך, מיך"!
צועפּן מוח מיט געוויסן
צו דיין חברס נויט.
ווען דו קייסט דיין געשמאַקן ביסן
געדענק, ס׳עמיצן פעלט
דאָס שטיקל פּיסנע ברויט...
שטעל זיך פאָר, ס׳מיינט
ווען אַ קינד פון הונגער וויינט...
און האַרץ פון מאַמע בלוטיקט
ווי אויף שטיקער ווערט צעריסן.

1975

האַרץ זיי וואַך!

האַרץ מיינס דו קלאַפּסט נאָך אַלץ...
ווען ברידער מיינע דאָרט אין געטאָ גייען איין.
זיי גליווערן צו טויט פון עלענט און פון פּיין
פון הונגער און פון גיהינום שווידער.
ס׳סטאַרטשט פון זייער הויט אָדערן און ביינער.
און דו קריכנדיקע וועלט מיט דער גלייכגילט דיינער
באַדעקסט אונדזער אומקום־ווונד מיט שאַרפן זאַלץ.

האַרץ מיינס, געמאַכט פון אייזן ביסט,
ווען דאָרט דער אשמדאי דער תליין
זיין שׂטנישע רציחה מיט מוזיק באַזיסט,
מיט שגעון־סם פאַרשיכּורט זיינע ~~קנעכט מיליאָנעם~~
וואַרפן צונויף אין גרוב מאַסענווייז
יונג און אַלט, שוואַנגער ווייב און גרייז.

ווי קאָנסטו דאָס פאַרטראָגן האַרץ?
האַרץ, זאַפּ טיף אין זיך דעם צער
און מיש דערמיט דיין אייגן בלוט...
זיי שטאַרק! און שאַלן זאָל דיין קול מיט מוט
צו אַלע דיינע פרייע ברידער, און רוף:
גורט אָן די לענדן צו לאַנגען קאַמף
אויף ערד, אויף וואַסער און אין לופט.
אַפילו ווען זי זשיפּעט, טו דיין שווערד אויף שלאַנג אַ וואַרף.

טרייב אָפּ פון זיך יאוש

טונקל דער אַרום, ס'שטייגן אַלץ די זאָרגן
ס'טראָגט זיך אַ ריח ווי פון פוילע עפּל...
נאָר טיף אין מיר איז אַ פּייערל פאַרבאָרגן
וואָס בענקט נאָך אויפּלעז פון געדיכטן נעפּל.

כ'טראָג אין זיך אַן אינערליכן פאַנצער
וואָס מאַכט פון יאוש מיך באַשיצן:
תמיד שטוים איך אָפּ דעם ענגען „איך"...
רק דאָס „גוטע" אונטערשטיצן.

ניט אייביק קאָן דער משחית דאָמינירן
מיט פאַלשע צוזאָגן מאַסן צו פאַרפירן...
קוים פון טיפער טיף גיט אַ בליץ דער אמת,
דאַן אויף אַלע געביטן בייטן זיך די טעמעס.

פאַלט פון בוים אַ בלאַט

אַ ניו־יאָרקער בירגער
איינזאַם אין דער גרויסער וועלט
טראָגט זיך ציללאָז איבער גאַסן
ער האָט קיינעם ניט צו ליבן
אַפילו קיינעם ניט צו האַסן.

פּלוצים ער דערהערט אַ קלאַנג:
אַ שאָרך פון רייפן בלאַט וואָס פאַלט
פון בוים האַלב נאַקעטן
אויף קאַלטן שטאָדטישן אַספאַלט.

ער בויגט זיך צום בלאַט. נעמט עס
אין דער האַנט: „נאַטור געמישטע פאַרבן,
ווי ווונדערליך די שפּיצן און דיקאַרבן?
— ס׳לעבט ניט מער... ברוך דיין אמת!
ווי שיין געלעבט און שיין געשטאָרבן"...

און מיט דער ברכה שפּאַנט ער ווייטער...
ווי אַ שווערע משׂא איז פון אים אַראָפּ...
עפּיס איז אים ליכטיקער אין קאָפּ...
אָפּגעטראָטן האָט מרה שחורה שווארצע,
פרישער מוט האָט צוגעשטראָמט צום האַרצן.

דאָס גסיסה־פאַרב פון האַרבסטיקן געזאַנג
האָט אים היינט אַ טראָפּן גליק דערלאַנגט.

דער מבול און די טויב

קום ווידער באַשיידן שטילע טויב
מיט דיין פלי דעם מבול דורכרייסן,
מיט שאַרפן שנאָבל אַ בלעטעלע אָפּרייסן.
אפשר וועט תשובה וועקן אויערן טויבע.

ווייניק דרך ארץ אין ענג פאַרשטעקטער תיבה
הפקרות ווייט פאַרשפּרייט און ניחא
ס'שטייגט פאַרדאַרבנקייט אין מענטשענס טבע.
צום הערליכן מ'שרייט: „גיי צו אַלדע רוחות!"...

זיי האַרט מיט די פאַרשטיקטע תיבה־סביבה,
דאָס ברומען פון אַזוי פיל חיות ווילדע,
„גיט אונדז חיי שעה, גייסט איז פאַר נאַיווע"
די חניפה־צונג איז פאַר זיי אַ כשר־מילדע.

דערוויל הפקר־מבול ציט זיך לענגער
פאַרברעכן כוואַליעס פאַרשווענקען ליכט פון זון
דער מענטש ווערט איינגעשרומפּן, שכל ענגער...
פאַריאושט איז דער אמת זוכער; גייסט איז אָפּגעטאָן.

ווי אַזוי נאָך דיר ניט בענקען, פרומע טויב?!
דיין הערליכע שליחות טראָגט אין זיך דעם סוד.
האָסט דערלאַנגט אַ בשורה שטיל אָן לויב,
פאַראייביקט סוף־מבול מיט דעם גרינעם בלאַט.

טוב ורע

ווי אַ שריפֿט וואָס מאַנט חתימה דעקן
סיי דאָס גוטע סיי דאָס שלעכטע
פֿאַר מיינע אויגן טוען זיך אַנטפּלעקן
כדי דאָס גוטע צו באַשטעטיקן
און דאָס מיאוסע צו פֿאַרמעקן.

אפֿשר אין געהיימע גורל ספֿערן
האָב איך דאָרט אַ זכיה,
מיין אויער לעבט אויף אמת צו דערהערן,
דעם נויטבאַדערפֿטיקן צו העלפֿן.
כ׳זוך ניט קיין תּירוצים, און מייד אויס מניעה.

ניט איינמאָל מענטשן אין באַריר
איבעראַשטע בלייבן שטיין געפּלעפֿט:
„וואָס? אפֿשר איז דער מאַן גערירט,
אין אַ וועלט פֿון מאַכערייַ געפּלעכט
ווי אַזוי קאָן צדק ווערן איינגעפֿירט?"...

דאָך, כ׳פֿיל מיין וועג איז בעסער.
זאָל דער לץ מיט שמייכל מיך באַוואַרפֿן.
צו הערליך ברויט רירט זיך צו מיין מעסער.
צו אמת דאַרף מען ניט קיין וואָפֿן
אַפֿילו ניט צו טיר קיין שלעסער.

אַ פֿאַלשע וואַגשאָל

יאָ, שיין קלינגען די הגדה ווערטער
ביים סדר טיש: „כל דכפין ייתי ויאכל".
אַ הונגעריקער פֿאַרצווייפֿלט טראַכט זיך: — מוחל
גיי זוך מיין ביסן ברויט אין וועלט פֿאַרקערטער.

אָנגעפּילט מיט אַזוי פיל תבואה־שפע שפּייכלער
שפּייז־ריחות רייצן שאַרף דעם גומען.
ווי קאָן מען אָבער איבער „מוציא" זאָגן: אָמן...
ווען ס'צאַנקען קינדער געשוואָלן זייערע בייכלעך.

היימלאָז וואַלגערן זיך פּליכטלינגע אין בלאָטע
פֿון מלחמה־נויט געטריבן, אָן אַ ציל מ'וואַנדערט.
אָט שליוכצט פֿון צער אַ ווייב וואָס שוואַנגערט,
נעבן איר ס'קינד וויינט: „ווו איז מיין טאַטע?"

.2

כ'בין זיך מודה: אַמאָל האָב איך אויך געהונגערט
היינט צו טאָג בין איך מזלדיק אַ זאַטער.
אין קליידער וואַרימע; אַ העמד געפּרעסט אַ גלאַטע...
ווען ביי אַנדערע — פֿון דאָרשט — טרוקענען די צונגען.

ווי גלייכט מען אוים די פֿאַלשע וואָגשאָל?
אין סאַלאָנען שיכּורען אָרגיעס פֿאַרפֿום געפּאַרבטע,
און אין סלאָמען שלייען שאָטנס איינגעדאַרטע...
אוי! וויפֿל חורבן־ביינער וואַלגערן זיך אין טאָלן?!

1975

כ׳האָב צו דיר אַ טענה מאַמע ערד

— איך האָב צו דיר אַ טענה מאַמע ערד:
ווי פּרוכטיק דו צעוואַקסט דעם זאָמען פון דער רויז
געטריי צעבליט מיט צויבער פאַרבן...
און מענטשענס איבערבלייב באַהאַלטסט אוים,
אין דיר צעריבן ווערט באַלד ביים שטאַרבן?

זאָג מיר געבענטשטע מאַמע ערד:
פאַרוואָס אין דיר אַ קערן צעוואַקסט זיך אין אַ בוים
אַזש פון גרויסער שפע ברעכן זיך די צווייגן...
און בן־אדם, דער שליח פון בוך, געזאַנג און טרוים...
פאַרשטאָפּסט מיט שטויב זיין מויל... אייביק שווייגן?...

ענטפער מיר אַלעמענס שפּייזערין, מאַמע ערד:
פאַרוואָס פון זערנע שפּראָצט אַרוים דער זאַנג
מעוברתדיק דער ווינט צו הוידן מיט געזאַנג...
און דעם בחיר־היצירה וועמענס מוח קלערט
זיין איבערבלייב גריזשעט וואָרם אומגעשטערט?

פאַרוואָס געטרייע מאַמע ערד
שפּרייטסט נאָך רעגן טעפּיכער מיט גראָז
שיין פאַר אויג און שפּייז פאַר קו או האָז...
און שפּאַנט אויף דיר מיט גייסט און קלאַנג
פאַרזונקען ווערט אויף אייביק ניט מער געהערט?

*

בן אָדם, האָסט טענות גאָר,
ביסט דאָך איינגעטונקען אין זינד:
יאָגסט זיך נאָך געווינסן, בלאָנדזשעסט ווי אַ קינד
זעלטן מיט דיר אַליין צופרידן, ביסט אַ נאַר!

איך אדמה ~~שייך~~ אָפּ יעדן קערן
כ׳זעטיק עס, באַשוץ פון שניי און רעגן
דערגרייכט צום וואָרצל שפּראָצט עס גערן
ברענג אַרוים געטריי די שפּייז אַקעגן.

דיך בן אדם שווער דיין יצר שטילן
ניט תּמיד ווענדסט אָן דיין גאָב: דעם שׂכל...
פאַרסמט פון קנאה, שׂינאה... צומאָל חנפהסט מיט אַ שמייכל...
ווי קאָן איך דיינע שטרעבונגען דערפילן?

אַז ביסט מיט זיך אַליין ניט גאַנץ...
איך ערד קאָן דיר מער ניט געבן.
אפשר ווען קאָנסט זיך פון פעלערן אַרויסהייבן...
ווערסט אין מיין אינגעווייד אַרויסשפּראָצן אין אַ פלאַנץ...

1976

אַ טראָפּן רעגן

מיט אַמאָל אַ גאָס געטאָן דער רעגן
געשטילט דעם דאָרשט פון ערד די בראַנט...
באַנעצט דעם שטויב פון ~~זײערע~~ וועגן...
אויף ניט לאַנג... אַ געהיימע האַנט
האָט באַלד די כמאַרעס אָפּגעטריבן.

פון רעגן נאָר אַ טראָפּן גאָר
אויף בלאַט פון בוים פאַרבליבן.
ווי ס׳שפּיגלט זיך אַ שטראַל פון זון
אַזוי לויטער פריש און קלאָר...
פאַר מלאכים נאָר אַ זיפּ צו טאָן.

אַ שאָד דאָס נאַסע גליק
געדויערט אַזוי קורץ;
שטראָמט אָפּ אין אויגן-בליק.
אָבער צו וואָס דער לאַנגער דויער
ווען דאָס אויג פון אומקום לויערט?!

און תפילהדיק דאַנקט מיין דאָרשטיק אויג:
ס׳האָט אַריינגעזאַפּט דעם צויבער פון אַ טראָפּעלע...
— אויך מיין צונג וואָלט געטאָן אַ לעק...
אָבער מיט עבר ביסטו באַלד אַוועק...

אַזאַ געהויבן גליק געדויערט ניט צו לאַנג
נאָר ערגיץ אין זיכרון שאַפּט זיך אַ געזאַנג:
אַזוי ווייניק, אַזוי אַ קליין ביסעלע,
אָבער פּרעכטיק ווי אַ טרערעלע.
ווי שיין! פון הימל דאָס וואַסער קאַפּעלע...

די פליג

אין מיין ענג פאַרמאַכטן צימער
האָט זיך אַליין פאַרשפּאַרט אַ פליג.
זי פליט הויך... רום אַרום,
און לאָזט זיך אין דערנידער:
זום, זום, זום, זום...
אַראָפּ, אַרויף און קריק.
פריי ביסטו אומעטום.

אָ, דו קליינע פליג
נאַדיר מיין געהער.
נע ונד זינגער אויף דער ערד...
ניט דו האָסט אַ היים...
ניט צוגעגרייט דיין שפּייז...
אָבער אין דיין קורצן לעבן קרייז
האָט דיר גאָט אַריינגעסודעט געהיים
דאָס גליק פון זומער קלאַנג.
אויף דיינע צאַרטע פליגל
שפּילט זיך אוים דאָס זוניקע געזאַנג...

דער רואה און דער בלינדער

שפּאַנט דער רואה זיכער
מיט שאַרפן אויג באַוואָפנט
איבער בערג און איבער טאָלן
צו דערשפּירן דאָס ניט קלאָרע
און דערפאָרשן וואָס איז פאַרהוילן.

דערהערט ער טאַפּן מיט אַ שטעקן,
זיין אייִנער אויג דערזעט בלינדען,
בויגט ער אָן דעם קאָפּ פאַרקלערטן
צו דעם מיט-מענטש פאַראורטיילטן
דעם אין זיך פאַרחלומטן דעם בלינדען.

מיט שטאָלץ דער בלינדער ציט זיך צוריק
און טאַפּט פאָרויס מיט שטעקן...
ווערט דעם רואהס וועג פאַרטונקעלט
באַהאַלט דאָס פּנים פון דער זון.
אַ מין יאוש יאָגט אים אָן:

וואָס טויג מיין אויג דאָס שאַרפע
וואָס טראָגט מיך איבער בערג און טאָלן
ווען איך קאָן מיין אויגן-שיין ניט טיילן
מיט בלינדען ברודער וואָס מער פון אַלץ דאַרף ער
זיין וועגווייזער דעם שטעקן
זיין טיק-טאַק-טרייעסטער שומר
די חשכות אַרום זיך צו שרעקן.

עם ישׂראל חי

זאָלן יִדישע שׂונאים קריצן מיט די ציין
פּלאַצן פון קראַנקער קנאָה־שׂינאָה,
זיי האָבן געהאַלטן ביים אונטערציִען
זייער בעסטיאַלן חשבון:
— אָט, אָט דערלעבן מיר
„אַ געשמאַקע חזיר־וועלט פון יִדן־ריין"...

זון, פּריִער עמלק, המן
און דער עקלדיקסטער פון אַלע צוררים
ימח־שמו־דיקער היטלער
וועמענס פּגירה האָט די ערד פאַרטייעט
וואָס אַפילו ווערים
ציִען פון זיין געשטאַנק אַוועק.

.2

און דער ליכטיקער קאַיאָר
האָט באַזיגט די חשכות פון דער נאַכט
ווען דאָס יִדישע וווּנדער פאָלק
מיט גאָטס פונק וואָס הערט ניט אויף צו טליִען
האָט ווידער זיך אַרויסגעפלאָנטערט
פון די שווערע גלות קייטן
און מיט פאַרבלוטיקטע מידע פיס
צוריק צו אָבות־היים
זיך קוים דערשלאָגן...

ווען דער גרויסער נס
האָט גאָטס פאָלק באַגלייט
אַגב מיט יונג הייליק בלוט צעווייקט
די ציון ערד... זי האָט באַלד דערשפּירט
די געטרייע הערליכע ישׂראל האַנט
און האָט זיך צויבערלעך צעבליט.

אויסגעשפּרייט האָט זי איר מאַמעס שוים,
און בשׂורהדיק רופט זי אירע קינדער
פון ווייט, ווייט צעשפּרייטע עקן:
קומט, געגוג פּלאַץ פאַר אייך.
מיט פעלד צעגרינט פאַר אייערע רינדער...
קומט צו מיר אַהיים,
די אַלטע-נייע היים!!
וועגן וועלכער איר האָט געחלומט אין געהיים.

.3

מיט שטייפע הענט צעוויקלט ספר-תורות...
דאָ זאָלן אייערע קינדער לערנען מידות
פון זייערע נביאים-זיידעס...
און אייערע טעכטער אָפּלערנען
העכסטע צניעות פון זייערע יחוסדיקע באָבעס...
וואָס האָבן די ניי-געבוירענע יינגעלאַך
פון פּרעהס גזירה-וואַסערן
מיט זייער פּקוח-נפש אויסבאַהאַלטן.
און הערט גאָטס גרעסטען וווּנדער
משה דעם דערלייזער
מיט הילף פון פּרעהס טאָכטער אַרויסגעצויגן.

.4

היינט דער יום העצמאות, פריי זיך עם ישׂראל
אין דיין אייגענער, גאָט צוגעזאָגטער
מדינת ישׂראל, ארץ ישׂראל...
יום-טוב מיט פולער נשמה פרייד
מיט אַן אויסגעגלייכטן רוקן;
און מיט צעגליטע אויגן
וואָס ווייסן ניט וואָס פריִער אָנצוקוקן.

ווי הערלעך דאָס לאַנד וואַקסט
ווי פּרעכטיק דער מדבר בליט און גרינט
און ווי פריי יעקב קול הילכט אָפּ
איבער די פאַרבענקטע יהודה בערג...
און די געבענטשטע בן-גוריון האַנט
צום וויסט פאַרלאָזטען נגב שטרעקט.

.5

און ווי דער שטייגער איז
ניטאָ קיין שׂמחה אָן אַ טרער.
אַ לויטערע. די לויטערסטע ריינע טרער
זאָל נידערן ווי אויף אונדזער
מוטער רחלס שיינע באַקן
טיף פון אונדזערע נשמות
אַריינטריפן אין אונדזער פאָלקס זיכרון.
און לאָמיר ביי אונדזער
שיבת-ציון-שׂמחה מזכיר נשמה זיין
אונדזער פאַרשניטענע, פאַרפייניקטע,
פאַרשׂרפהטע זעקס מיליאָן מאַמעס, טאַטעס,
באָבעס, זיידעס... און די אומשולדיקע
איציקלאַך און יאנקעלאַך;
זעלדעלאַך, רחלאַך און ברכהלאַך...
מיט זיי, און דורך זיי
אונדזער גרויסן שיבת ציון יומטובען...

אַ גוט יום טוב, ייִדן!
לחיים! לחיים! לחיים!
עם ישׂראל חי!

אסרו חג של פסח תשל״ג.

די בשׂורה: 1947, כ"ט נאָוועמבער

יום טוב היינט! 1947, כ"ט נאָוועמבער!
ס'האָט זיך אין ברוסט צעזינגען פרישער מוט.
אין אויג — פון פרייד — אַ הייסע טרער.
אמת גליק! ס'פילט זיך אַזוי גוט!
אַזוי גוט!...

ברייט און לאַנג צעשטרעקט גאָטס אָרעם...
ס'רירן זיך די ביינער אין די קברים,
אויך פון די פאַרלוירענע צען שבטים:
דער הייליגער הייסער אָטעם
פון יחזקאלס נבואה פייער
האָט צושמאָלצן קנעכטשאַפט גליווער
אין טיפן גלות טאָל.
יונג געוואָרן, פאַרמאַטערט עם ישׂראל...

ס'קלינגט העכער ישעיה'ס נביאישע נחמה:
צופראַלט מיט אַמאָל די ייִדישע נשמה
האָט די גרויסע ציון בשׂורה
וואָס רופט און וועקט דעם ייִדנס אויער:
געגוג געלעבט מיט צער און מורא,
ברייט צעעפנט טיר און טויער
די אויסגעלייזטע אָבות היים —
מדינת ישׂראל...

1947

מדינת ישׂראל, שלום!

פרעגט ניט ווי אַלט כ׳בין...
מיינע לאַנגע גלות יאָרן
האָב איך אויף שׂעיר לעזאזל אַנגעלאָדן
אין וויסטן גלות-מדבר אַוועקגעקייקעלט.
און אַ צאַפּלדיקע יוגנט האָט צוגעשטראָמט
האָט זיך אין ברוסט צעזינגען: 1947...
אַ פרייד געפיל: ניט מער פאַריתומט.
די בשׂורה האָט זיך צעטראָגן: יהי אור...
ס׳שאַלט דער מולדת שופר...
מדינת ישׂראל!

דאָס צעפּייניקט פאָלק ישׂראל
איז נסימדיק פון ס׳ניי יונג געוואָרן.
דער הייסער אָטעם
פון יחזקאלס נבואה פייער
האָט צעשמאָלצן דעם גלות גליווער
אין טיפן גלות טאָל...
מדינת ישׂראל!

פריש צעצונדן די פאָלקס נשמה
האָט די גרויסע ציון בשׂורה
וואָס רופט און זינגט און וועקט
דעם פאַרוואָגלטען ייִדנס אויער
צום צעפראַלטן ציון טויער.
מדינת ישׂראל!

בהדרגהדיק טרעט אָפּ די גלות נאַכט
דער היים-קאַיאָר האָט פרישע האָפנונג מיטגעבראַכט
דאָס קול פון גאולה מיט פולער מאַכט
זאָל אָפּטרייבן די הכנעה-טויבקייט

פון אויער צוגעאָלט צו פרעמדער נאַרעריי,
דאָס קוואַליקע ישׂראל מיים-חיים
וועט אַוועקלעשן מלחמה באַרבעריי,
און ברייט, און וויט וועט אָפּהילכן מיט שטאַרקייט
דעם נביאס שלום וואָרט
וואָס ברענגט ליכט אין יעדן אָרט.
וואָס שאַלט פון עיר הצדק ירושלים...
מדינת ישׂראל!

ירושלים

ניט איינמאָל וויברירט די סטרונע פון משורר
פון ס׳ניי אַרויספירן די נשמה מעלאָדי
וואָס אוצר׳ט אין די אותיות י ר ו ש ל י ם
די שטאָדט פון צדק און שׂכר פאַר ריינער מי.

ירושלים, וווהין ס׳האָט אַריינגעפּלייצט
עם ישׂראלס ים פון הייסע טרערן.
די עיר הקודש, וואָס האַלט אויערן אָפן
גאָטס אמת-וואָרט צו הערן.

סודותדיק די בערג אַרום
נאָך אַזוי פיל דורות אָפּגעלאָפן
טראָגן אין זיך קדושה פון נבואה גלי,
אויסדריקן זייער צויבער ווערט ס׳מויל שטום.

דערבליקט דאָס יִדיש אויג
דאָס איינגעקריצט וואָרט ירושלים
ווערט האַרץ פאַרלאָפן
און תּפילהדיק הייבט אָן קערפּער זיך צו בויגן.

זאָל דאָס געזאַנג צו ירושלים
זיך צעלויכטן און צושטראַלן
ווי דאָס געזאַנג פון שטערן פראַכט
איבער הימלען פון שטילער נאַכט.

מ׳וועט מיט ירושלים ליד פאַרוויגן
יונגע קינדער אין די וויגן
מיט לויטערע נבואה שטראָמען
פון חזיון: מלחמות אָפּצוראַמען.

אין ריינע הערצער, ווו דער אמת זידט
וועט מיט ירושלים חזיון ליד
אַריינשטראָמען דער זיסער קלאַנג
פון שלום-שפע — דער משיחישער געזאַנג.

דוד בן גוריון / ע״ה — אַ הספד

באַדעקט דעם אָרון מיט בלוי-ווייסער פאָן!
שטייט אַ פאָלק טיף די קעפ געבויגן
פאַריתומט און פאַראָבלט:
ס'האָט צוגעמאַכט די אויגן
דער חד-בדרא — דוד בן גוריון,
דער חוזה פון זיין פריִער קינדהייט אָן.

ער האָט יונג דערשפּירט דעם גלות פלעק
וואָס צעפרעסט זיין פאָלק.
אָפּגעריסן פון לאַנד ירושה;
יידיש הארץ קאָרטשעט זיך אין פּיין און שרעק,
פאַרשווארצט דאָס פּנים פון פאַראַכטונג בושה.

האָט ער דער חוזה בן גוריון
אַנטשלאָסן אָנגעשטעלט זיין ווילן
ווארימע נעסט פאַרלאָזט, מיט קלימעקל אין האנט,
זיך דערשלאָגן צום ברעג פון האָם געגאַרטן לאַנד
מיט האַמער-אַקער אַרבעט — הונגער שטילן.

דעם שטיינער און זאַמד באַדעקטן באָדן
מיט שווייס צעגראָבן און פאַרזייט
מיט קנאָפּן וואַסער ס'באַגרינט, צעבליט
אינאיינעם מיט חברים מדבר גרין באַגאָרטענט...
מיט חלוץ גבורה פונעם שונא דאָס באַהיט,
כאָטש תמיד זיך אין שווייס געבאָדן
דעם תנ״ך געפּרעדיקט, צווישן פאָלק פאַרשפּרייט.

ווען גלות גיהינום האָט מאָוים'דיק פאַרלענדט
דעם בעסטן טייל פון פאָלק אין אַש צעברענט...

האָט בן גוריון ווייט צעשפּרייט זיינע פֿאַסטעך הענט
און געדופן: קומט צוריק אַהיים! פֿאַרלאָזט די פרעמד!
פריי איז מען, ווען לאַנד און פֿאָלק צונויפגעקלעמט.

מיט שעפערישער עקשנות צו זעלבסטשטענדיקייט דערפירט
פון אַ שטיינהאַקער זיך דערהויבן צו מלכות-ראש
„ס'איז ניט גענוג!" איז געווען דעם מנהיגס זאָג.
דער חזיון האָט אין אים געהירט.
דעם מדבר מוז מען פרוכטיקן, וויסנשאַפטליך פֿאָרשן.

אַראָפּגענידערט פון מלכות
און צום וויסטן דרום זיך באַקערט.
אַ פריש געצעלט פֿאַרפֿעסטיקט אין שׂדה-בוקר
ביז לעצטן אָטעם זיין פֿאָלק געדינט. ניט אויפגעהערט
צו לערנען ווי צו היילן דעם גלותדיקן הויקער.
זייט ביי זייט אין פריש באַגרינטן פעלד
אַן אוהל-תורה פֿאַר נייע עולים אויפגעשטעלט
און זיין אומשטערבליכקייט באַהעלט.

פה נקבר חד בדרא דוד בן גוריון...
ווינט, פלאַטער איבערן קבר די בלוי-ווייסע פֿאָן!

DAVID BEN GURION

by
Solomon Zimiles

Cover up the ark with blue white flag!
Motionless stands a people heads low down
Grieved and orphaned... sunlight turned black
Forever closed his eyes a true Hebrew son
The undying leader David Ben Gurion.

A visionary born... at childhood he sensed
The diaspora stigma could not be removed
From a nation detached from inherited land
Battered and twisted by chase and move,
Strewn with hatred below and above.

Determined, with will-power steeled
Empty handed he left his warm birth nest
And vowed never to go back to his past.
Stone after stone he rolled off toward Zion his land
To assuage his longing for work and rest.

Tilling, sowing parched soil with sweat
With scanty water greened and bloomed
Gardened by day, patrolled at night
Always glorifying Holy Bible
For its prophetic exalted insight.

After holocaust horror devoured Jews' best part
At cowardly worlds unforgivable disregard
Ben Gurion spread wide his shepherd hands
With clarion called: Brothers, leave strangeland

Free you can be; children cleaved to thee,
When joined together with ancient Israel land.

With creative stubborness never schrunk
The sovereignty of Israel in struggle achieved
From stonehewing to chair of govenrment ascend...
To Ben Gurion this was not enough of an end...
He heeded the mystic Negev call
Let toil and science enliven desert wasteland.

His vision! The South should not remain bare...
He stepped down from primeruling chair
To old age and glory not giving a care.
Sde Boker established with help of a few
Ancient Hebrew image again to renew...
Bread, for the body-Torah, for spirit of Jew.

Today in Sde Boker stands a nation in grief
Its heart full of reverence takes leave
From a leader, a builder, a government chief
Whose soul of fire to a trodden people gave.

Wind flutter gently the blue white flag
Over this holy monumental grave...
Here is buried Israel's best son
David Ben Gurion.

משה

א מתנה מדינת ישׂראל צום יובל העצמאות

ניט אַזוי פאַרמאַטערט, ווי אויסגעליידיקט
דער געוויסן פון אונדזער מדבר דור.
מ׳זויפט, מ׳הפקרט, און פאַלש מ׳פרעדיקט...
ניטאָ מיט אונדז קיין משה צו זען דעם מאָרגן קלאָר.

יע, אין מזרח איז ליכטיקער געוואָרן
ס׳שטראַלט ישׂראלס כ״ה יובל יאָר...
צו טיף איז אָבער דער אַנזאַמל פון חשכות.
אויך דאָרט הירט דער בייזער גייץ פון משחית.

כ׳גלויב. אונדז האַלט אויף דער זכר משה,
די באַרגיקע מתנה אָין פאַלקס נשמה איינגעפלאַנצט.
פאַרוואָס זשע ציט אַזוי צום קאַלב וואָס גלאַנצט
און שלעפּט מיט זיך שׂינאה כוואַליעס פרישע?

אמת, קיין משהס ווערן תמיד ניט געבוירן
און מתן-תורהס ווערן צוויי מאָל ניט געגעבן.
אומעטום שטיקט דער מדבר, איינגעדאַרט בן-אדמס שטרעבן
ניט אומזיסט צום קול פון גואל ציִען זיך די אויערן.

דאָרט אין מזרח, מיטן האַמער-קלאַפּ פון בויער
שאַרכן שטילע טריט פון גאולה...
אגב ס׳שרעקט די מורא, די עולם-הזה בהלה
חלילה ניט פאַרשטאָפּן דעם סיני אויער.

משה, דו לעבסט אין אונדז, ביסט קיינמאָל ניט געשטאָרבן,
דיין זכר: אונדזער אייביקער לאַמטערן.
דעם חורבן-וועג באַלייכטן אונדזער לאַנד צו אַרבן.
פון אַלע גלאַטע צונגען, צוריק דיין כבד-פּה צו הערן.

תשל״ג

כי מציון תצא תורה

כ׳בין ניט פרום געגוג
שופר של משיח צו דערהערן.
דאָך טאָג און נאַכט כ׳הער ניט אויף צו קלערן
גרונטיק צו פאַרפעסטיקן די ישׂראל היים.
ווי אַזוי צו מינערן פאַרסמטען שׂונאס דרוק
ווי גלות תמיד סטראַשעט אָפּן
און לויערט שלאַנגיש און געהיים
געהאָדעוועט מיט „רויטן" שׂכל און מיט וואָפּן.

כ׳באַדויער, ניט צו זיין באמת פרום!
דאָך פינקעלט טיף אין האַרצן
די פעסטע ליכטיקע אמונה
דאָס דער סוד, דער הויפּט יסוד
צו באַשיצן ייִדישע מדינה,
צו פאַרהיטן ייִדיש פאָלק פון מורא
איז צו געדענקען: כי מציון תצא תורה.

זאָל איבערגיין פון דור צו דור
דער אייביק ליכטיקער תנ״ך
וואָס ראַטעוועט פאָלק פון אונטערגאַנג
אין דער לאַנגער גלות נאַכט.

אויך דער היסטאָרישער בן-גוריון
מיט מוט און וויזיע באַקרוינט
האָט ניט אויפגעהערט צו קנעלן און דערקלערן
טייער האַלטן אומשטערבליכן תנ״ך...
סיי אַלס וואָפּן, סיי אַלס לערע,
דאָס פאָלק צו פירן צו פרייע הייכן
די גאולה וואָס שנעלער צו דערגרייכן.

איז דען מעגלעך אָן תנ"ך האַלטן אין זיכרון
די פאַרפייניקטע אינעם נאַצי חורבן ?
די קדושים וואָס האָבן אָנגעהויכט מיט גבורה,
צה"ל גיבורים אויפן שלאַכטפעלד
אין צייט פון הייליקע מלחמה יאָרן.

געדענק ! די ראשונים עולים פּיאָנערן
האָבן אין דער וויסט פאַרלאָזטער ציון מדבר
יחזקאלס נבואה אַריינגעאָטעמט
זי צעבליט, אויפגעלעבט
אין באַנייטער נס-לגוייִם היים.
דאָס ייִדישע פאָלק נשמהדיק צוגעשמידט.

באַפרייטע ירושלים 1967

היינט ווען מיר טאַנצן איבער דיינע גאַסן
און יובלען מיט דער באַפרייטער ירושלים
לאָמיר קודם עולה זיין אויף קבר אָבות
אָפּווישן דאָס פאַרווײנטע פּנים נאַסע
פון דער צאַרטער מאַמע רחל די געטרייע.

צוגיין צו דער טרערן-דורכגעווייקטער קבר ערד
און קניִען צום אומשטערבליכן מקונן ירמיהו...
וואָס האָט מיט זיין האַרצברעכנדיקן איכה-לשון
אַריינגעאוצרט טיף-טיף אין פאָלקס זיכרון
אויף לאַנגע-לאַנגע גלות יאָרן
און נשמה-צער מיט אייביקייט געלאָשן.

און היינט האָבן די בראַווע ישׂראל שטורמער
די קינדער פון פּיאָנערן מיט חזיון טרוימער
די בויער און דערלייזער פון אָבות-לאַנד ישׂראל
האָבן צעשמעטערט דיין באַלאַגערונג, ירושלים
מיט טרערן-פרייד אָנגעגאָסענע אויגן
די ווייס-בלויע פאָן אויפן הר הבית אַרויפגעצויגן.

און זע! דער ווינט וואָס פלאַטערט פריש די פאָן
באַגלייט מיט געזאַנג פון בערג אַרום ירושלים
אין פאָלקס נשמות אַ פרישע פרייד אַריינגעטאָן.
מיט טריאומפירנדיקן צה"ל קומענדיק צוריק
פרייט זיך קינד און קייט מיט דיין יום טוב זיג
באַפרייטע, אייביק היים-געליבטע ירושלים.

אַזוי פיל דורות זיך אָנגעזאָפּט מיט גלות-סם...
ווי זיס צום גומען דער מאַמעשער מולדת-טעם
מיט דיר באַקרוינט עיר-דוד ירושלים.
אומזיסט דאָס וואָיען פון בלוט-דאָרשטיקע מלחמה צינדער
ניט אָוועקרייסן וועט קיינער דיינע טרייע קינדער
פון דיר עיר הקודש ירושלים.

ראש חודש סיון תשל"ב

מאיר ראָזענבערגס עֲלִיָּה

צופיל משׂא אָנגעלאָדן אויף פּלייצע
אַ באַרג מיט עול אויף שווערן אַקסל
גוט צו האָבן פריינד, אַ חבר מיט אַן עצה
דערנער אַפּצוראַמען ס'האָבן זיך צעוואַקסן.

יע, שווער דער אויסגראַב פון צעשפּרייטע וואָרצלען
ס'האָבן אין דעם אַזוים שווערדן זיך צעשטרעקט...
דאָך, דער מזרח ציל איז קלאָר, וועג אויסגעפּלאַסטערט...
ווייל איז מיר מיט ווייב און קינד דערציִען צו אַ ברעג.

ס'ווערט ליכטיקער דער ~~ליכטער~~ וואַנדער וועג.
מיד פאַרמאַטערט, ס'וואַרט אויף אונדז די פיר
באַלד, ברייט צעעפנט זיך די ציון טיר...
דוד לעשמאַן שאַרט דעם לעצטן שטיין אַוועק.

אָט זענען מיר אין רחובות, דאָ דאָ
ביי זיך, אין לאַנג געגאַרטער היים.
דאָ, דאָ! וועלן מיר מיט מזל בלייבן שטיין
מיט עם ישׂראל בעטן אויף דער שלום שעה.

קודם: איידער מיר צעעפנען געפּעק,
יעקב זון, בויג אַן דיין יונגען קאָפּ!
מיט אַ פרישער ברכה, אים באַדעקן...
און דו מיין ליבע מַלְכָּה'לע וויש דיין טרער אָפּ.

יע, ס'איז לייכטער אויפן האַרצן
גאָט צו דאַנקען זיך דערשלעפּט צו אָבות-היים...
ווער האָט עם געחָלומט אין חורבן שוואַרצן
מיט דוד לעשמאַן פרייע, אויף אדמת קודש שטיין.

מיר זענען דאָך ביידע: „סנה בוער ואינו אוּכּל"
ווי הייליק איז דאָס חבר-פייער, ס'ווערט ניט אויסגעלאָשן
ווען הערט מען שוין ישעיהס מבשׂר-קול
וואָס וועט אַוועקשווענקען דעם סם פון שׂונאס לשון.

על חטא...

פון די חדר יאָרן געדענקט זיך גוט דער צאָרן
פון די אויפגעקאָכטע ברידער שמעון-לוי,
ווען זייער שוועסטער דינה אין איר מיידל בלי
איז פון שכם'ער ערלה פאַרשוועכט געוואָרן.

און היינט! ס'ברענט אַ ווייטיק און אַ בושה
צו זען יוגנט, אויך קאָלעדזש גראַדואירטע
בלאָנדזשען עבודה-זרהדיק פאַרווירטע
בלינד צום קוואַל פון גייסט-ירושה.

ווי קען אַ פאָלק מיט נביא-גייסט זיין שומר
זיך אַ לאָז טאָן אין דערנער וואַלד ווי פוסטע טרוימער
מיט פרעמדער בלאָטע אָנגעקלעפּט געדיכט
און פאַרטונקעלט זיין העלע תורה-ליכט.

ווי לאַנג קאָן מען דאָס פאַרשווייגן
צו זען אַ דור אַ גאַנצער ווערט פאַרפירט
דאָס עם-הספר פנים מיט פרעמדן קויט פאַרשמירט.
און צו אָפּשטוים-געצן ווידערשטאַנד ניט צייגן.

אפשר בעסער אויסדרייען בייטש צו זיך
ווי לינקע געצן האָבן אונדז אַריינגעצויגן גיך
רויע מוחות פאַרטשאַדעט מיט „גאולה" רויך
„אָט פליט מען צו אַ צעשטראַלטן „מאָרגן הויך"...

ניט קיין וווּנדער, קינדער ווייסן ניט וווּהין זיך קערן
ווען בענקעניש אין זייערע יונגע הערצער הירן.
ווייל היימען אויסגעליידיקט פון יסודותדיקן דויער
מיט הפקר-דערנער אָנגעוואַקסן טיר און טויער.

עליה... עליה...

(דעמאָנסטראַציע מיט משה דיין אַלס רעדנער)

ס׳טויג דאָס ליאַרמען אין ניו-יאָרקער גאַסן : עליה ! עליה !...
ווען אויף צווייטן טאָג מ׳פליט אָפּ קיין פלאָרידאַ
און דאָרט... מ׳שאָקלט צו קעלבעריש : „יאָ ! יאָ !
אַ גן עדן דאָ. קיין בעסער אָרט ניטאָ״...

ווי שנעל ס׳פאַראַט דעם מענטשס זכרון
ווען אין דייטשלאַנד ערשט, און לאַנג צוריק אין שפּאַניע
מיט זיכערקייט די ערד באַטראָטן, יאָרן יאָרן...
דער סוף : מיט חורבן פייער איז אַוועק די גולה-אַכסניה.

מיט אַמאָל דאָס פאַלשע גאָלד צערינען,
מיליאָנען ייִדן האָט איינגעשלונגען דער גיהינום
באַגלייט מיט עשׂוס רציחה קולות : „ברען אים !״
טיר און טויער פאַרריגלט : ניטאָ וווּהין אַנטרינען.

די חורבן נאַכט איז אָפּגעטראָטן,
דער מאָרגנשטערן האָט זיך שפּעט צעצונדן,
נאָך מיליאָנען לעבנס אויסגעראָטן
האָט זיך ותחזינה-חלום אויפגעצונדן.

ס׳האָט אַ שמעלץ געטאָן דאָס גלות אייז...
די געגאַרטע ציון-זון איז אויפגעגאַנגען.
אויף ירושה באָדן צוגעגרייט מיט בלוט און שוויים
האָט ישׂראל וויים-בלויע פאָן אַרויסגעהאָנגען.

ס׳גרינט און ס׳בליט דאָס יונגע אָבות לאַנד.
פון אַלע תפוצות ציט מען זיך אַ קוק צו טאָן
די נסים פון אַמאָל און היינט דערמאָנט...
אָבער מיט מלחמה-בלוט איז צוגעפאַרבט די פאָן.

דערנער ווערן לייכט ניט אָפּגעראַמט
פון עם ישׂראלס וואָגל שליאַך.
ישמעאלס האַרץ מיט שׂנאה איז פאַרסמט
און צאַפּט דאָס בלוט פון זיך, און ישׂראלס גלייך.

דערווייל דער רוב פון ייִדישן פאָלק אין גלות שטעקט
מיט אייגן נוץ יצר־הרעדיק פאַרקאָכט
צו ישׂראלס שווערע ליידן קומט מען אָפּ מיט שרעק
יע, אַ גרויל כאַפּט אָן ווען מלחמה שאָס דערהאָרכט.

ירושלים קלאָגט: געננוג זיך אָנגעהערט: „לשנה הבאה"
תפילה רייד אַליין וואַשן ניט דעם גלות־קויט
אַוואָדע ניט מיט בלויז זינגען: עליה, עליה...
מיט מי און קאַמף ווערט אַ לאַנד געבויט.

אַפּריל, 1974

זכור

מיר טאָרן קיינמאָל ניט פאַרגעסן
אויף לאַנגע דורות צו געדענקען
די בעסטיאַלע דייטשע הענקער
די ראַצן... וואָס האָבן אונדזער בעסטן טייל צוגעסן,
אַ פאָלק געקוילעט, געשאָסן און געהאָנגען
יונג און אַלט מיט קידוש השם אויף ליפּן אויסגעגאַנגען.

ווו זענען מיר געווען?
פאַרוואָס האָבן הימלען ניט צעשפּאָלטן
זייערע שלוכצן, יאָמער און געוויינען...
מיר האָבן ניט געזען זיי גוסן...
דאָ! אין אַמעריקע זענען מיר געווען באַהאַלטן
ווייט אָפּגערוקט פון זיי... פון דרויסן.

מיר טאָרן קיינמאָל ניט פאַרגעסן
טאָג און נאַכט, אין שמחות און אין טרויער
אויף תמיד אַריינזאַפּן אין וואַכן אויער
דעם גסיסה מאַרטער פון די מאַמעס
מיט זייערע קינדער אויף די שויסן.
זייערע הייליקע נשמות אויסגעהויכט אין פלאַמען.

אמת, ס׳פעלט שוין אוים דער כוח
אָנהאַלטן אין האַרצן דעם חורבן צער.
מ׳מוז אָבער שאַרפן דעם זכרון
אויף לאַנגע יאָרן
ניט אויסלעשן די זכר קויל... ביזן שטאַרבן...

נאָר אַזוי וועלן מיר אַריינהאַרבן
צו קומענדיקע דורות דעם חורבן פייער
פאַראייביקן אין נאַציאָנאַלן קיום-שייער.

אַן אורח אין יו־עָן — אַראַפאַט

דער דמיון כאַטש אין נעפּל, רייסט אַרויף צו גאָט
צו וועמען זאָל איך שרייען? אפשר ווערן שטום
גזילה, רציחה און חניפה אויף יעדן טראָט.
צופיל צעוועדימט איז די וועלט אַרום.

אַוועקקערן? נישטאָ שוין וווּהין צו לויפן.
ס'טיקט אין מוח די סדום עמורה שׂריפה:
מיליאָנען הונגערן. סקעלעטן אָנגעהירבעט אין הויפענס
ווען אַנדערע הוליען, שמעלצן זיך אין שפע.

זעה, אין יו־עָן שמעקט מיט היטלער־ריח.
ס'סלינעט מיט סם פון דעלעגירטע שאַרפע צונגען,
שמייכלדיק, רק זיי האַלדזן דעם רוצח,
און ווי המן זענען גרייט דעם שוואַכן הענגען.

ווי לאַנג מיט „אתה בחרתנו" דעם יִדן זיך גריבלען,
צו טראָגן קרבנות אויף די וואַנדער וועגן,
דערלאַנגען דער וועלט גאונות, וואָס קוקט אויף דיר מיט היבלן
און ווי אַ קער, אַ ווענד, קומען שונאים דיר אַקעגן.

הייליק איז גאָטס שבועה: מענטש מיט מבול ניט מער אומצוברענגען.
מבול איז דאָך ווייניק. אין נוח־תיבה האָט ער אַ נייע וועלט צוגעגרייט.
בעסער שטרעק אויס, רבונו של עולם, דיין יד חזקה שטרענגע
און ראַם אָפּ צעפּוילטע מענטשהייט, וואָס אויף רציחה שטייט.

אמת! די אמונה איז ניט אויפצוגעבן.
ווער האָט דעם קאָסמאָס אַזוי צויבערלעך צונויפגעשטעלט...
נאָר אַ בליק צו טאָן ווי לבנה גייט דער זון אַקעגן,
איז כדאי צו לעבן... אָבער צופיל אומרעכט אין דער וועלט.

נאָוועמבער, 1974

יד ושם

(אַ שעה אין ירושלים מוזיאום)

דאָ, אין ירושלים יד ושם מוזיאום
מיט הונגעריקע אויגן גיי איך אַרום
און קוק אויף שואָה בילדער הערליכע
און קוק אויף שואָה בילדער שרעקליכע,
און טראַכט: ווו זייט איר אַליין
שעפער אומשטערבליכע?

ניין, איך בין אין אייערע אַטעליעס ניט געווען
ניט כ׳האָב אייער הויך־קונסט ווען געזען,
ניט פון נאָענט און ניט פון ווייט...
ווּהין האָט ווינט דאָס אַש פון אייך פאַרווייעט?
חורבן. ווו איז אייער אומבאַקאַנטער קבר?
ס׳וויינט אין מיר יעדער אבר...

זיי רופן מיך,
זיי שלעפן מיך
צו זייער מאַרטירער גרוב
פון אַמעריקאַנער זאַטער שטוב.

מיך דעם שולדיקן,
מיך דעם אומשולדיקן...

זיי פרעגן מיך:
— ווו ביסטו אין לאַנגער נאַכט געווען?
צו האָסטו דען געזען
מאַמע מיט קינד־צו־ברוסט אויסגיין?

— כ׳בין אין ערגיץ ניט אַנטלאָפן...
קדושים־מאַטער איז צו מיר אַהער דערלאָפן...

אמת, אין גיהינום צווישן נאַצי שלאַנגען
בין איך מיט אייך הייליקע ניט מיטגעגאַנגען.
און מיט איינמאָל האָט קינדס געוויין דערגרייכט
מיין וואַכן אויער.
דערשפּירט אייער אָטעם אויסגעהויכט.

נאָר ירמיהוס חזיון קאָן אייער פּיין דערזען...
זאָל ישעיהס טרייסט צו אייער אייביקייט דערגיין...

ניט אין גלות-מעטראָפּאָליעס פון קינסטלער כבוד
וועלן אייערע בילדער קריגן כבוד-דויער.
דאָ... ווו ס'שטייט צעפּראַלט פאַר יעדן ייִדן טיר און טויער
וועלן אייערע מאָלערייען נאָך באַצירן נייעם מלכות דוד.

נאָר דאָ אין עיר הקודש, ירושלים
אין ישׂראל עטאַבלירטען יד ושם מוזיאום
וועלן אייערע ביינער קריגן פרישן קיום
און יחזקאלס נבואה ווידער אַמאָל באַנייען...

איראַקער תליה

ווען נעמט אַ סוף צו שׂנאה-קללה
איבער מיין אתה-בחרתנו אומה?
זענען מיר אַ פֿאָלק פֿון גאָלע טומאָה?
ווי לאַנג וועט אָנהאַלטן דער כּף הקלע?

ניט איינמאָל ברענט און זידט דער כּעס
פֿאַרוואָס כ'טראָג אויף זיך אמונה-עול
ווען אין וועלטס אויגן בין איך צרעת
און ס'גרילט אין עשׂו'ס אויערן יעקב'ס קול.

ס'לויערן געפֿאַרן אויף יעדן ייִדיש קינד
ווי ער שטעלט אַוועק זיין טראָט.
חסרונות פֿון דער וועלט אָנגעקלעפּט אויף אונדז
אַפֿילו זיינע מעלות טראָגט מען צו מיט שפּאָט.

אַף-על-פּי-כן טיף, טיף אין מוח
איז פֿאַרחתמעט אין זכּרון:
וועלכע אומה האָט אַ האַנט געהויבן הויך
אַפּנעמען די לוחות אין די וויסטע מדבר יאָרן.

יע, אַ פֿייער וועג באַדעקט מיט שטרויכלשטיינער
אונדז באַשערט מיט בלוט באַפֿלעקן.
אונדזער שליחות איז אַ גאָטזוכענדע, אַ ריינע
און אונדזער יחוס-אבות איז ניט אָפּצומעקן.

טבת, תשל"ח, 1974

יום השואה. כ״ז ניסן תשל״ו

יאָרצייט היינט. כ״ז חדש ניסן.
ליפּן טרוקן: ניט קיין וואַסער אָן אַ ביסן.
עם ישראל, ווי לאַנג אַזוי פיל טרערן גיסן
קיין היים־מנוחה ניט געניסן?

זון, לבנה, שטערן, ציט צוריק אייער שיין
אין נאַכטיקער באַהעלטניש אַריין.
זאָל דאָס מיליאָניקע דערשטיקט געוויין
צום כסא הכבוד אַהין דערגיין.

ייִדיש פאָלק בויג טיפער אָן דעם קאָפּ
צי פון פּים די שיך אַראָפּ...
צו די גאַז אויוונס אין דער פינצטער~~שאַפט~~.
דעם צביעות פּרצוף פון דער וועלט דעק אָפּ.

ס׳הייבט זיך די קברים ערד
אין עמק הבכא באַבּי־יאַר...
די וועלט איז טויב, ניט זי הערט
דעם יאָמער שמע ישראל
פון גיהינומדיקן קדושים טאָל.

דאָ, אין עיר הקודש ירושלים
שטייען אויסגעשטעלט קדושים ביים כותל מערבי
אין פראָנט פון זיי קלאָגט ירמיהו הנביא.
די שטיינער וויינען דורכגעווייקט מיט טרערן
הימלען שפּאַלטן זיך: גרעסטן חורבן צו דערהערן.

ניט באַוויינט נאָך אונדזער חורבן...
זע דעם באַרג מיט ביינער ייִנגע הורבעט...
ירמיהו נביא־טאַטע, נידער פון די הימלען הויכע
וויקל אויף פאַר אונדז דיין מגילה איכה...

אַ לעבן פון הפקרות! מיר האָבן ניט די זכיה
אַרויסגעגעבן דעם טיף־אמתן מקונן...
דער שמע ישׂראל פון דער מאַסן־תליה
צו די וועלטס אויערן ניט דערגאַנגען... ניין!

היינט געדענק. כ"ז טאָג אין ניסן.
שאַ, שטיל זאָל זיין! ניט אַ ריר...
הייליקע נשמות איבער ירושלים פליִען.
זייער אייביקע מנוחה איז נאָר אין ציון.

סדום האַלט ווייטער אָן

אורזיידע מיינער, ליכטיקער אברהם,
דיין חזיון האָט דערשפּירט גאָטלאָזן אַרום.
האָסט אַרומגעפּוצטע געטער דערלאַנגט אַ שטויס
און צו עבודה־זרה אַ געשריי געטאָן: אַרויס, אַרויס!

ווען געזען שוואַרצע וואָלקענס הענגען
איבער וועלט פון זנות און שקר
האָסטו אַלמעכטיקן געבעטן כּלל ניט אומצוברענגען.
אפשר וועט כּוח פון גערעכטן באַזיגן הפקר...

אומזיסט, אומזיסט... מעכטיק האָט קנויל פון זינד
שׂריפהדיק ארומגעכאַפּט די גיריקע עמורה;
אומרעכט איבער סדום האָט פאַרווייעט יצר־הרע ווינט
און געטראָטן איבער שוואַכע אָן שום מורא.

אַצינד, נאָך מער שטיקט מיט חורבן רויך.
יונגע לעבנס ווערן אומגעבראַכט אין קריג אומזיניקן,
ס׳ווילדעווען רשעים מיט גיפט — צביעות אין דער הויך,
פאַרשוועכן דאָס וואָרט שלום מיט צונגען גיפטיקע.

געשטערטע מלאכי־שלום ווי זיי דערהערן
דאָס פלויכן מיט בלבולים אין יו־ען סדום
גליווערט איין דאָס שלום ליכט, און זענען גערן
זיין ווייט אַוועק פון ערד, פון בלבול־סם.

עשׂו צוגעחברט... שטייגט די גאוה ביי ישמעאל,
אֶדומס פאַלשע צונג וואַשט זיין נידערלאַגע אָפּ,
עלענט און פאַרצאַרנט שטוינט ווייטאָקדיק ישׂראל:
ווי צוגעשטראָמטע חוצפּה פאַררייסט דעם שׂונאס קאָפּ.

גיב אָן עצה אברהם טאַטע האַרציקער,
ווי זיך אַרויספּלאָנטען פון שלאַנגען טאָל,
נסימדיק: פון גיהינום־חורבן זיך דערהויבן צו מלחמה זיגן...
ס׳טויג? אַלץ נאָך ווייט דעם גואלם שופר קול.

הקָבְצו׳

טיף אַריינגעזונקען אין זכרון
דער חומש־איבּיקער „וַיְחִי,‟
ווען טאַטע יעקב אין די שפּעטע יאָרן
האָט נביאיש מיט חזיון־גלי
די קינדער־שבטים נאָענט־צו
אַרום זיך געזאַמלט: הקבצו!

הִקָבְצו! אויך היינט מיטן שופר־האָרן
שאַלט צו אירע קינדער ישׂראל־מולדת — מאַמע:
גענוג בּלוט פון אייך אָפּגעצאַפּט דער גלות צאָרן.
גענוג פרעמד ערד באַפרוכפּערט מיט יצירה זאָמען!
קומט אַהיים! שטעלט אָן דעם אויער צו גאולה־רוף,
אַהיים קומט, צו פילן פריי, דערקוויקן די נשמה.
צו פאַרהיילן פון פיין צעקרומטן גוף.
אויף שווייס און בּלוט צעגרינטן באָדן... בּאַרג און טאָל.

הקבצו! קומט, ס׳וואַרט אויף אייך אַ היים (ניט סתם אַ הויז)
אין אייגן לאַנד וואָס וואַקסט און בּליט און שפּאַנט פאָרויס
וואָס שליידערט אָפּ גבורהדיק דעם שׂונאס שטויס.
דאָ איז היים, ווי קינדער גליקלעכע קליין און גרויס
טוליען זיך נחתדיק אין ציונס מאַמע־שויס.

קומט, און שפּירט דעם הערליכן חלוצים־וועג
אויסגעפלאַסטערט מיט מסירות־נפשדיקע הענט
די בּראַווע, וואָס האָבּן אונטער זיך די גלות בּריק פאַרבּרענט
ניט מער צו פאַרטאַכלעווען דעם גייסט פאַרמעג
צווישן פרעמדע, אייפערזיכטיקע שלענג.

הקבצו! זאַמעלט זיך אַהיים צונויף
צו די אָבות, אברהם יצחק יעקב
די אורערשטע דעם מענטש צו שדי הויכקייט ציִען
באַגלייט צום באַרג אַרויף
מיט נביאים און לוויִם.
הקבצו, זאַמעלט זיך און קומט אַהיים קיין ציון.
דאָ! ווו אַלע חורבן-הייליקע נשמות רוען.

מיט בלוט און טרערן גאולה ווערט באַגלייט,
ס'פאַדערט זיך חזיון געפּאָרט מיט העלדישקייט...
אַריבערשפּאַנען גלות שטעך-דראָט ווירקלעכקייט.
קוים דערגרייכט... ווי זים און ליכטיק די ישׂראל היים!
הקבצו! קומט צוריק אַהיים, אַהיים.

טבת, תשל"ג — 1972

קיינמאָל, קיינמאָל ניט פאַרגעסן

כ׳קאָן קיינמאָל נאַצי חורבן ניט פאַרגעסן
ניט אין שמחות און ניט אין טרויער.
ס׳רייסט דער קדושים־אומקום מיין וואַכן אויער,
ביים טיש טריפט גסיסה אין מיין עסן.

דער צער באַגלייט אויגן מידע,
דערלאָזט ניט שליסן זיך צום שלאָפן.
ווו זענען מלאכי־גיהינום מיט נקמה זידן
אויספירן איבער נאַצי י״ש די ערגסטע שטראָפן?

פאַרוואָס האָבן מיר די אָפּגעטרינענע יידן
ניט געדונערט מיט יאָמער אין די גאַסן,
ניט אַריינגעטאָטעמט צאָרן אין די מאַסן
מיט תפלות שפאַלטן שערי־שמים שולן?

פאַרוואָס ניט אַרויפגעצויגן שוואַרצע קליידער
און עפנטליך קריעה ניט געריסן,
מעשׂר אָפּטיילן, און געבן זיך אַ נדר
עולם־הזה הנאָה אין זיך צוימען,
בלוט פון האַרץ די אוגן ביים טרערן גיסן.

אוגאַנדאַ טריאומף

אויף אָדלער פליגל קיין אוגאַנדאַ
דאָס שוואַרץ פאַרפּעסטעט נאַצי לאַנד
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צה״לס קאָמאַנדאָ
און גלאָררייך אויסגעשטרעקט די רעטונג האַנט.

דונערדיק די בייזע שלענג צעטריבן,
פון פחד־שאַנדע אין היילן זיך באַהאַלטן...
אַ פריש נצחון־בלאַט האָט ישראל אַריינגעשריבן...
יו־ען־שקר קאָן איר פאַרשריט ניט פאַרהאַלטן.

אָ, אַ צופראַלטער שטראָם פון פרייד
האָט אויפגעמונטערט פאַרחלשט ייִדיש האַרץ:
פאַר די אויגן אַ נייער דוד שטייט,
גלית ליגט אַ טויטער, פלשתים שטאָלץ פאַרשוואַרצט.

דו וועלט! מיט בושה בויג קאָפּ צו ערד,
דיין ייִדן־שנאה־קאַנסער פאַרצערט אין דיר דיין מוט;
טעראָר שאַרפט דאָס מעסער אומגעשטערט,
פאַרפּלייצט אַצינד לבנון מיט אייגן ברודער־בלוט.

ישראל! מיט אוגאַנדאַ־פּלי האָסטו הימל אויסגעלייטערט
אגב לבדד־רינג נאָך אַלץ ניט איינגעבראָכן
האָסטו צעקלאַפּט די שווערד אין רוצחס האַנט
דער הצוף קאָן מיט איר ניט פאָכן.

ייִדיש האַרץ מוז זיך איבערפריידיק ניט צולאָזן
יעדער נצחון איז איינגעווייקט אין היילִיק בלוט
מ׳טאָר שונאס מפּלה צופיל ניט צעבלאָזן...
געגוג זיך אָנגורטן מיט פרישן מוט.

יולי, 1976

פאַנג אָן מיט זיך

מיר טרינקען זיך אין אַ ים פון זינד,
באַלד ניטאָ ווּהין נאָך שוין צו לויפן
ס׳ווערט טיפער אָפּגרונט צווישן טאַטע און קינד
פאַרברעכן וואַיעט אין אַלע הויפן.

אַז מ׳קוקט זיך צו מיט מער פאַרשטאַנד
ז׳ניט קיין חידוש וואָס פלייצונג וואַקסט:
אין שליאַך פון הפקר געניגט דער שפּאַן,
ס׳טריפט מיט זינד ווי קעגן זון דער וואַקס.

און ריזלט און שטראָמט אַוועק
צום איבערפולטן ים פון סדום...
— „ווײ צו אונדז!" מיר זוכן ניט דעם וועג
צו פאַרהאַלטן מבול מיט אמת שטראָם.

אַוואַדע איז: „אין אָדם שלא יחטא"...*
אַ תירוץ ס׳יעדער פון אונדז טראָגט.
אָבער טיף אין מענטשן איז אַ ניצוץ דאָ
פון קדושה, וואָס תשובה קראַפט פאַרמאָגט.

— צו לעשן ס׳פייער פון זינד מגפה
דריי דאָס וואַסער צו זיך אַליין...
וועסט זען ווי קלענער ס׳ווערט די שׂרפה...
צייג מיט זיך ווי ריין צו זיין!...

1975

* ניטאָ קיין מענטש ס׳זאָל ניט זינדיקן.

יִידישער קריסטמעס געמיט

אַזוי פיל מיליאָנען ביקן זיך צום נוצרי בילד,
ווערט אָבער רציחה אין זיי איינגעשטילט?
ווי אַ קינד פאַרחלומט ליגט אין וויגל
נעבן אים די מאַמע מיטן מילך קריגל
ישו׳ס צאַרט פּנימל מיט רו פאַרצויגן
מיט חלום צוגעמאַכטע אויגן.

אַזוי פאַרוויגט דער אויסגעדאַרטער נוצרי
מיליאָנען מוחות אין די שפּעטע טעג דעצעמבער
מיט זעלִישער מנוחה און גלויבנס גלי
הערצער אָנגעפילט מיט רו און גליק...
דאָס בייזע איינגעשלאָפן ווי אַ צפון-בער.
און ...נאַיִוו ווי פאַרשפּילטע קינדער
אויסגעשעפּט פון שיכּרות באַגעגנען זיי דאָס ניי-יאָר.

ווי נאָר אָפּגעיומטעוועט, שטראָמט ניכטער אָפּ די רו,
ריזלט שלאַנגיש ווידער צו אין אָדערן
דאָס אויפגעוואַכטע שׂנאה-קנאה בלוט...
אַן איבערבלייב אויף פּנימער דער מילדער שאָקל-צו
און די מיילער נאָר פון שיכּרות רודערן...
אָבער פון באַהעלטניש רייסט זיך שוין דער קנוט.

ווי שרעקלעך דער קאָנטראַסט
דער איבערגאַנג פון זיסער ליבע,
צו טיף פון לאַנג-פאַרזייעטן האַס
וואָס שליידערן ייִדן לעבעדיקערהייט אין גריבער
ייִדישע מאַמעס פריש-דער-צער אין אויגנלעכער
מיט זויגקינדער צעריסן פון בעסטיעס פאַרשוועכער.

ניט אומזיסט, אַמאָל פֿאַרזאָגט עמלקן צו געדענקן,
זיך ניט פֿאַרשפּילן מיט זיסע רייד פֿון הענקער
בפֿרט ווען ס׳טליִעט נאַצי־חורבן אין זכרון
ווי קאָנען מיר פֿאַרגעסן אונדזער בעסטן טייל פֿאַרלענדט געוואָרן.
ניטאָ געגוג קיין שטראָף צו מינערן דעם צאָרן...
אויב ניט — ווי קאָן קומען גאולה נאָך וועלכער מיר בענקען.

מענטש און מיט־מענטש

זעסט אַ מענטשן גיין צו ערד דעם קאָפּ געבויגן
מיט אַ שווערער משׂא אויף זיין רוקן
באַדויער ווייניקער, שטרעק די האַנט אויסגעצויגן
און דערלאָז ניט אים צו ערד זיך בוקן.

נאָכהער, צוריק גייסט אין דיין וואַרעם ווינקל
האָב אין זינען, ניט אַליין צו פילן זאַט און גראַם.
אין דיין נשמה זאָל ווערן טונקל
פון די שאָטנס וואָס דיין חברס וועג פאַרצאַמט.

זעסט אַ מענטשן גיין הויך דעם קאָפּ פאַרריסן
ניט פאַרליר זיך.
טייערער פון גאָלד אוצרות איז דיין געוויסן
ניט רייך צו ווערן גיך.

נאָר שטרענג אָן דיין מוח
און טראַכט, ווען עמענס גורל האַנט פאַרצייכנט
דעם מענטשנס לעבנס־גאַנג ?
איינער צווישן גליקלעכע ווערט פאַרעכנט.

ברייט פאַר אים צעעפנט טיר און טויער,
אַ צווייטער מאַטערט זיך פון נויט וואָס לויערט
און פון משׂא בייגט זיך ווי אַ רייפע זאַנג...

ניין !
צו בליען פאַר זיך אַליין
פאַרפּטר ניט דיין כוח !

1926

ווי לאַנג דער גלות וועג?

אויפֿן לאַנגען שלענגלדיקן געשיכטע שליאַך
באַפּאַקט, טרעט דאָס אַלטע פֿאָלק ישׂראל
געברענט פֿון הייסער זון בייטאָג
אַ האַרטער שטיין צוקאָפּנס איבער נאַכט
ציט ער, ציט ער ווייטער ווייט
צום רוף פֿון באַשערטן גואל.

ניט געצייכנט קלאָר דער וועג
בלאָנדזשעט ער און פֿרעגט
רעכטס, לינקס, גלייך, קרום?
ווו ביסטו גואל?
וווהין צו דיר דער וועג?
די קנאָכן ברעכן זיך
די משׂא דריקט און שטיקט
שטייט דאָס פֿאָלק צווישן וועגן
קוקט און קוקט
און טאַפּט מיט וואַנדער שטעקן
די שווערע שטיינער און שווערן וועג.

ס'טרעפֿט, פֿון די מידע
פֿאַרמאַטערטע קאָלאָנעס
שפּאַלטן זיך די מחנות
און צעשפּרייטן זיך ווי פֿליעווע
אויף יבשות, ימים פֿרעמדע.

ווער מיט די לעצטע כּוחות קריכט
ווער ס'גנבעט זיך אַריין
אונטער פֿרעמדע דעכער
פֿון אומקום זיך צו שוצן.
אַנדערע מיט פֿרוכט פֿון פֿרעמדע גערטנער
זיך צו נערן, פֿאַר אַ רעטונג צו באַנוצן.

אַ מתנה צו מיין חזן

גאָט געבענטשטער שליח-ציבור,
דאַוונען מיט דיר ווערט הערליכער דער שבת,
טעמדיק ווערט אָנגעפילט דאָס וואָרט אין סידור.
„תפארת שבת״: דאָ מיט דיר אין שול כ׳האָב עס.

עמוד קינסטלער! אַ מתנה די צו האַלטן טייער
נעם צו מיין ענטציקטן און אָנגעשטעלטן אויער
וווּהין דיין צויבער שטימע ווערט אַריינגעבויערט,
מ׳ווערט פאַרשיכּורט מיט דיין תפילה פייער.

צום עמוד ציט אויך דאָס נייגעריקע אויג
וואָס באַוווּנדערט דיין כל-עצמותי תאמרנה נויג
דיין קול ס׳צעטראָגט מעכטיק ווי אַ דונער,
און אָט... צערטלט שטיל דער רחמים-מאָנער.

זעה! מיט וויפל רחמים צופליגעלט זיך דיין האַנט
הכנעהדיק צעזינגען זיך די פינגער,
אַרויף צום הימל שטייגט צויבער-וואָרט וואָס מאָנט
מיט עקשנותדיקער אמונה שטרענגער.

ווייל איז דיר געבענטשטער עמוד-ווירטואָז
שיין און צויבער לייטערסטו די תפילה,
דער אינדערוואָכן ווערט פאַרטריבן ווען דיין קול צולאָזט...
שאַ! צווישן פאַרוויגטע דאַוונער שוועבט אַ אידיליע אַ שטילע

1974

אַ ליד צו יאָסעלעס געבורטסטאָג

נכד איז דער טייטש אַן איינִיקל...
אַן איינִיקל איז ניט קיין קלייניקייט.
אַ קלייניקייט אַן איינִיקל?!
מיט אים געקאָוועט ווערט די דורות קייט.

יאָסעלע! דו ביסט פון אונדזער קייט אַ רינג,
צו דיין געבורטסטאָג אַ ליד כ׳זינג.
כ׳בעט אַ פּאָר יאָר ביים אַלמעכטיקן
צו דיין בר־מצוה אין ירושלים נעכטיקן.

בויג אַן צו מיר דיין קעפּעלע
ס׳שטרעקט צו בענטשן דיך מיין האַנט.
מיין ברכה זאָל דיך וועקן ווי אַ גלעקעלע
ערוועקן בענקעניש צו דיין אָפּשטאַם לאַנד.

יאָסעלע, קום נענטער צו מיר...
היט זיך פון יעדן פאַלשן רוף.
פאַרהאַק ניט אונטער זיך די טיר.
אַ ייִד צו זיין, מוזט ניט זיין קיין רב.

אָרעם צו רייך, היט אָפּ דיין אָפּשטאַם נעסט,
געבונדן מיט דיין פאָלק, האַלט זיך פעסט.
און אויסמיידן דעם פרעמדקייטס סם
און באַשוצט זיין ווי — פון מוטער שאָף — דער לאַם.

יולי, 1974

אַ באַגריסונג חַנָהלען (אַן איניקל) צו 5 יאָר

פון יאָר צו יאָר וואַקסט אין אונדז דער נחת.
ווי לויטערער פּרימאָרגן ביסטו היינט צו פינף.
באַהויכט מיט חן, וואָלקענס אויף צו להכעיס
אום יאוש צו פאַריאָגן קומסטו צו הילף.

אונדזערע הענט האַלטן זיך אין שטרעקן
דיין בלומען קעפּעלע צו בענטשן.
חנהלע ביסט געבוירן האָפנונג צו וועקן
און שאַפן פרייד צווישן מענטשן.

באָבעס, זיידע, הערן ניט אויף צו קוועלן,
דו שאַפסט גלייכגעוויכט צו עלטער,
דיין צויבער־טראָט קוים טוסטו שטעלן
ציסטו סביבה צו דיר: דעם צענטער.

דאָס קינד אין דיר ווי צעבליטער מאָן,
ביזט ווי אין פרייען פעלד אַ זאַנג
וואָס ציט זיך אַלץ צום שטראַל פון זון
און הוידעט פריידיק מיט ווינט געזאַנג.

ביידע נעמען פּאַסיקע: רִנָה, חנה
חנה: פול מיט חן; רִנָה: * מיינט געזאַנג...
פול מיט מעלות! „גיי האָב צו דיר אַ טענה"...
צו דיין געבורטסטאָג, אַ ברכה און אַ דאַנק...

1975

* רנה: געזאַנג אין עברית.

טאַטענס יאָרצייט ע״ה

דער געוויסן טרייבט מיך טאַטען אָפּצוגעבן
דעם כיבוד-אָב וואָס אים שוין לאַנגע יאָרן קומט...
צופיל האָט די מאַמע ע״ה ביים לעבן
איבער אים צאָרענדיק געברומט,
געדאַכט: ער פאַרצוימט איר וועג צו העכער שטרעבן.

כ׳גיי חלילה מיין מאַמעס זכר ניט פאַרשעמען.
הייליק אין דער אייביקייט איר אָטעם אויסגעלאָשן...
צו טיף פאַר איר די ליבע. ניט אויסטייטשן מיט לשון:
איר קלאָרער קאָפּ האָט אַ ים מיט צער אַריינגענומען.
אָבער טאַטענס ליידן פלעגט ביים הארץ פאַרקלעמען.

צוליב קינדער האָט גורל אויף דער עלטער
זיי ביידע אויסגעוואָרצעלט. קיין אַמעריקע פאַרטראָגן.
טאַטע זיך אַרומגעבלאָנקעט ווי אויף בינע אַ פאַרשטעלטער,
בענקעניש און מחלות ניט אויפגעהערט צו פּלאָגן,
און מיט שאר-ירקות אָנגעפילט זיין מאָגן.

— —

ווען שקיעה וואָלקענס זאַמלען זיך געדיכט
וויל איך היינט ביים צינדן טאַטענס יאָרצייט ליכט
כיבוד-אָב פאַראייביקן מיט מיין אָרעם ליד.
ווי אַ תפילה צוגעשטעלט צום דורותדיקן קדיש
אַ טאַטענס זכר מיט דרך-ארץ האַלטן אָפּגעהיט
און מיט מנין פאַרהייליקן זיין נאָמען אין אַ מקום קדוש.

חשון, תשל״ה

מאַמעס יאָרצייט ע"ה

אַנדערש קריגט אַרויס אַ שוועבעלע דאָס פייער
ביים אָנצינדן מאַמעס יאָרצייט לאָמפּ.
אין מוח צינדט זיך אָן אַן אָפּגעזעצטער טרויער
וואָס דערמאָנט מאַמעס ביטערן מאַטער-קאַמף.

איינגעוויקלט אין צופליקטן טלית שטילערהייט
זינגט אַרויס פון מויל דער אין-זיך קדיש,
שטייט מיר פאַר די אויגן דיין פאַרלאַטעטע קלייד
און די פאַרטרערטע תחינה בענטשענדיק ראש חודש.

אַז איך קוק זיך איין אין יאָרצייט ליכט
ווי דאָס פייער פלעמל פינטעלט הויך,
פאַנגט מיר ווידער פּיקן אין מוח
ווי טרויעריק האָסט דיין קלוגשאַפט אָפּגעריכט.

מיין טראָפן שׂכל האָב איך פון דיין ברוסט אַרויסגעזויגן,
מיט הכנעה דעם שווערן יאָך מיט דיר געטראָגן...
כ'קאָן אָבער ניט פאַרגעסן דיין הייסן צאָרן
געצילט צום האָרעפּאַשנעם טאַטן ווי אַ שאַרפער האָרן.

זאָל מיין כּיבוד-אם דיין אייביקייט דערגרייכן,
דעם נעכטן מיטן מאָרגן מיט קדיש צונויפפירן.
מיין תפילה געווענדעט צו עולם-אמת הייכן...
אפשר וועט דיין צעוויטיקטע נשמה דאָס דערשפירן.

תשל"ד

אַ זכר־ליד צו מיין ברודער יאָסל...

כ׳פֿאַרשטיי דיך גוט, כ׳פֿיל דיך מיט,
אין מיר שטעקט אויך אַ טייל פֿון דיין געמיט.
צווישן דיר און וועלט שטייט אַ וואַנט אין מיט...
דערפֿאַר דער אָפּשטויס צו קהלשען יריד.

כ׳ווייס, דיין שיין געפּאַסטער בגד
וואָס בעל־כּרחו ציסט אַמאָל אַרויף —
צעטרייבט ניט דיין נשמה־עלענט
וואָס פּלאָגט און נאָגט אין־סוף.

פֿון דיין שטיל בעסאַראַבער שטעטל
האָט בייזער גורל דיך פֿאַרטראָגן
צו ניו־יאָרקער שטיין און אייזן רעטל
ווו מענטשן ווי די שדים רק זיי יאָגן.

דיך ציט צום עמער וואַסער פֿונעם ברונעם
אַרויפֿגעצויגן מיט שטריק און קאָרבע.
און געדענקסט פֿאַרבינדן עופֿות שטומע
וואָס פּויערטעס ברענגען אין די טאָרבעס.

געדענקסט די הויכע שליטנס שטרוי
געשלעפּט פֿון אָקסן צוויי און אַ מאָל פֿיר
אַ הונט לויפֿט נאָך דעם גאַנצן וועג געטריי
און דער פּויער גייט צופֿוס, ביז צום מאַרק דערפֿירט.

פֿרילינג שטייגט אין דיר די בענקעניש
ווען ווינט און זון האָבן אייז און שניי צעריבן
און טייכן־וואַסער איבער טאָלן שטורמדיק צעטריבן...
אין דיין געהער פֿאַרזונקען דאָס זשאַבע קוואַקען פֿון קאַמיש.

טיף פאַרחתמעט אין זכרון שטענדיקן
טאַטענס שפּאַנען פערד און וואָגן
מיט פּויערים אין דאָרף תבואה צו צערייניקן
און צוריק אַהיים ביינאַכט, מעריב צו דערזאָגן.

געדענקסט, דאָנערשטיק ביי נאַכט האָט מאַמע מילטערם טייג געקנאָטן
אָנגרייטן פאַר אַ גאַנצע וואָך צו קייען.
אינדערפרי אַוועקגעזעצט אַלטע העמדער צו פאַרלאַטן
און ביי טאָג ארומלויפן אַ גמילות-חסד לייען.

ברודער! שוין לאַנג ווי כ׳וויל דיך באַזינגען אין אַ ליד
אַ סך אַזעלכע הייליקע איז צווישן אונדז ניטאָ.
עד היום מיין פאַרערונג צו דיר טליִעט...
חבל, צו פרי האָט גורל דיר צוגעטיילט דיין רו.

באַלאַנסירטע זקנה

ווען באַגלייטסט מיט חכמה שפּעטע יאָרן,
קאָנסטו אָפּטרייבן דעם פּחד פון „עד כאן".
קלער ווייניקער ווי ווייט דו קאָנסט פאַרפאָרן
זע, וויפיל געטלעכקייט אין שקיעה איז פאַראַן.

לאָז דיך ניט אַריין אין שלאָף דעם זיסן
ניט איבריק שטול-באַקוועמלעכקייט געניסן
חבר זיך מיט זון און ווינט אַנשטאָט מיט ווייכן בעט
ריים זיך ווייניקער באַזוכן צעפּויקטע שטעט.

ווען גייסט, זיי אָפּגעהיט
לויף ניט, מאַך קליינע טריט
צי איז ראַטזאַם דער לאַנגער רייזע-וועג?
יע! טיפן ים באַוווּנדער, שטייענדיק ביים ברעג.

מייד אוים דעם שטאָטישן געטומל
וואָס פאַרבלענדט דאָס אויג מיט פּוץ און שוים.
שיין איז גראָז אין פּאַרק אונטער בלויען הימל
ווו ס'בלעטערט זיך די בלום. אַזוי פיל פּראַכט אין יעדן בוים!

אַל תשליכנו

גאָט, האָסט מיר אין קאָפּ אַריינגעפּאַסט אַ מוח,
בעט איך: מײַן מחשבה זיך ניט רייסן אין דער הויך.
צו אַנגיין מיטן אמת כ׳זאָל האָבן כח,
שקיעה יאָרן ניט אַוועקלאָזן מיט רויך.

כ׳שפיר: מיט עלטער טונקל ווערט דאָס אויג
יהי רצון: ביזן לעצטן טאָג אָנהאַלטן דאָס ליכט
צו זען דעם וועג פאַר זיך...
דערקענען דאָס געזיכט וואָס קומט אַקעגן
וואָס זוכט מיך...
באַוווּנדערן גאָטס פאַרב אין רעגנבויגן.

שווייגנדיק אַ תפילה פול מיט דאַנק
ניט צו וויסן פורעניות פון ווערן אַן אינוואַליד
מיט אייגענע פיס אויספילן דעם גאַנג,
צו מויל דעם ביסן צוטראָגן מיט האַנט
און ניט מוזן שוואַכן קערפער אָנשפאַרן צו וואַנט.

קוים זיך אַרויסגעריסן פון רוסלאַנד

לזכר מיין קוזין דוד וויינבערג ע"ה

פון ערגיץ צווישן הויכע בערג
טראָגט זיך אַ געוויין:
אַ מידער וואָגלער קוים דערגרייכט דעם ברעג
אַ פאַרמאַטערטער דערזעען די ישׂראל היים...

געזאָלט אַוועקלייגן דעם וואַנדער שטעקן
געזוכט אַ ווינקל אָנצושפּאַרן דעם קאָפּ
אָפּרוען די מידע אַקסלען: די משׂא אַראָפּ,
אונטער שאָטן פון אַ בוים צעצווייגטן
דעם מידן גוף אויסצושטרעקן.

האָט אַ בייזער שטורם אָנגעיאָגט
פון שטאַם דעם בוים אַוועקגעריסן
וואָרצלען ווי מיט ציין צעריסן,
די צווייגן און די בלעטער
גרויזאַם הפקרדיק צעשמיסן.

פאַרוואָס ניט אַ הייסע טרער
אויף דער פרישער קבר ערד
ווו רו ווערט ווייניקער געשטערט
אין אָבות לאַנד צום קדיש צוגעהערט...

אַליין

דאָס איינציקע ליד געבליבן פון מיין ברודער אהרן סימיליס ע״ה

אויף אַ קליינעם וועג אַ שמאָלן,
צווישן בערג און צווישן טאָלן
וואַנדער איך אַליין.

קיינער קומט מיר ניט אַקעגן
מיך וואָס זאָגן, מיך וואָס פרעגן...
שפּאַן איך מיר אַליין.

פאַלט דער אָוונט צו אַ בלויער,
כאַפּט מיך אָן אַ שטילער טרויער
טרויער איך אַליין.

טונקעלער, טונקעלער נעמט עס ווערן
קומט אַרויס דער ערשטער שטערן,
חלום איך אַליין.

צײַט נאָטיצן

„למען ירושלים לא אשקוט!"

אויף דעם גאַנצען ייִדישן פאָלק, איבער דער גאָרער וועלט, ליגט די אחריות און די גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט אויפגעטרייסעלט צו ווערן פון דער געפאַר, וואָס לויערט אויף דער ייִדישער מדינה.

געוויס איז דאָ אַ סך צו באַוווּנדערן די גבורהדיקע וואַכזאַמקייט און די שלאָגפאַרטיקייט פון מדינת ישראלס מיליטערישע כוחות אין דער פאַרטײדיקונג פון דעם ייִדישן לאַנד.

געוויס ווערען אָנגעפילט אַלע ייִדישע הערצער איבער דער גאָרער וועלט מיט באַגײַסטערונג פון דעם אויסדויער און פון דעם מוט מצד דער ישראל־דיקער באַפעלקערונג. די ייִדן אין מדינת ישראל גייען דאָך אָן מיט זייער געראַנגל פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם ייִדישן לאַנד מיט געהויבענע קעפ און איטליכער באַוווּסטזיניקער ייִד מוז דאָך פשוט נתפעל ווערן פון דער פקחות און קלוגשאַפט פון דער ישראלדיקער מלוכה־פירערשאַפט, ניט געקוקט אויף דער פּאָליטישער צעשפּליטערונג דאָרטן אויף אַזוי פיל פאַר־טייען און פאַרטייעלעך.

מיר, ייִדן פון דער גאַנצער וועלט, מוזן, אָבער, האַלטן אָפן אונדזערע אויגן און אויך אונדזערע מוחות. מיר מוזן דערשפּירן די אָפענע און קאַמוּר־פלאַזשירטע סאָלידאַריטעט פון די גויים מיט דער אַראַבישער שטרעבונג און מיט דער אַקטיווער רוצח'ישער פאַראייניקונג, מילד גערעדט, אָוועקצונעמען פון מדינת ישראל אירע דעראָבערטע פּאָזיציעס פון זיכערער פאַרטיידיקונג פון אירע גרענעצן דורך צווינגען די ישראלדיקע מיליטערישע כוחות זיך צוריקצוציִען צו די פריִערדיקע גרענעצן.

און אויב דאָס איז נאָך ווייניק, האַלטן די דאָזיקע גויים מיט די אַראַבער, אַז די ייִדישע מדינה מוז אַריינלאָזן די פאַרטאָפּלטע צאָל אַראַבישע פליטים אין אירע גרענעצן. דאָס וואָלט דאָך געמיינט, אַז מדינת ישראל זאָל פאַר־שווענקט ווערן מיט אַ ים שונאים אין אירע אייגענע גרענעצן.

די זעלבע רוצחישע סאָלידאַריטעט זעען מיר אויך אין דעם רשעות־דיקן קול אחד אַרויסצורייסן דאָס האַרץ פון דעם יידישן פאָלק, די קרוין פון דער אייביק־יידישער און אומויפהערליכער בענקעניש — די עיר הקודש: ירושלים!

אָבער מיר, יידן, אין דער פרייער אַמעריקע, מיר דרימלען זיך רויִק, און מיר ווערן נישט אויפגעציטערט!

אמת, נאָך דעם ווי דער סעקרעטערי אָוו סטעיט האָט אין וואַשינגטאָן טיילוויז אַ ביסל אַראָפּגעצויגן פון דעם אָפיציעלן פּרצוף די מאַסקע פון פריינדשאַפט, זענען אונדזערע פירערס מכל המינים געלאָפן קיין וואַשינגטאָן, כדי אַ ביסל ווייך צו מאַכן דאָס שטיינהאַרטע האַרץ פון דעם דאַרטיקן סטעיט דעפּאַרטמענט. זיי האָבן געהאָפט, אַז אפשר וועט זיך זיי דאָך איינגעבן אָפּצושרייען די גזירה, וואָס עס האָט זיך דערהערט פון מר. ראַדזשערסערס מויל, און אין אַ געוויסער מאָס האָט זיך זיי דאָס טאַקע יאָ איינגעגעבן.

עס קומט אָבער אַ צייט, ווען דאָס יידישע פאָלק, דאָס פאָלק אַליין, מוז געפינען אַ וועג צו לאָזן וויסן דער גאַנצער וועלט — און דאָס בקול רם און מיט אונדזער גאַנצער נאַציאָנאַלער ווירדע — אַז מיר, יידן, וועלן נישט דערלאָזן, אַז דער סימבאָל, די נשמה, פון אונדזער היסטאָרישער עקזיסטענץ — ירושלים! — זאָל ווידער אַמאָל, אפילו בלויז טיילווייז, חלילה, אַוועקגעריסן ווערן פון דעם יידישן באַזיץ. ירושלים איז דאָך די שטאָט, צוליב וועלכער קיין שום אַנדער פאָלק האָט נישט מפקיר געווען אַזוי פיל הייליק בלוט ווי דאָס יידישע פאָלק האָט דאָס געטאָן אין משך פון יאָרטויזנטער. ירושלים איז דאָך מצד די יידן אין משך פון לאַנגע דורות באַקרוינט און באַזונגען געוואָרן מיט אַזוי פיל אומשטערבליכער און שעפערישער גאונות, אַז אונדזער ספר הספרים, דער תנ״ך, וואָס איז דאָך אַ טייל פון דעם יידישן פאַרמעגן, איז אויך אַריינגעדרונגען אין די הערצער און האָט אויך באַאיינפלוסט די שענסטע מוחות פון די אומות העולם.

ישעיה הנביא, דער ליכטיקסטער פון אַלע אונדזערע נביאים, האָט זיך צעקלונגען מיט זיין שאַלענדיקן פּראָפעטישן רוף: „למען ציון לא אחשה, ולמען ירושלים לא אשקוט!...״

דאָס זענען דאָך אותיות פון פייער! דאָס זענען דאָך ווערטער, וואָס זענען איינגעקריצט געוואָרן אין אַלע יידישע הערצער לעולם ועד!

דעריבער דאַרפן מיר, די שומרים פון דער יידישער עקזיסטענץ, איצטער, נאָך דעם ווי אַ גרויסער טייל פון אונדזער פאָלק איז אַזוי שוידערלעך

פאַרצערט געוואָרן מחמת דער יידישער היימלאָזיקייט, אויפוואַכן און פעסטער זיך פאַראייניקן.

אין אַ גרויסער מאַניפעסטאַציע, מיט אויפגעוויקלטע טראַנספּאַראַנטען און מיט די לאָזונגען פון אונדזערע אומשטערבליכע נביאים מוזן מיר לאָזן וויסן דער גאַנצער וועלט די רייד פון ישעיה הנביא, אַז:

„למען ציון לא אחשה, ולמען ירושלים לא אשקוט!...״

פעברואַר, 1970

ווער איז דער קרבן, ישמעאל צי ישׂראל?

צום באַדויערן, מיטן שטייגן פון דער הערצישקייט און אויסדויער פון ישׂראל שטייגט דער קריגס־געפאַר, ווייל ס׳מערן זיך די שׂונאים, סיי אין צאָל פון מענטשליכע כוחות, סיי אין זייער פאַרמעסט אין פייער־טעכניק וואָס דער טייוולאָנישער סאָוועטן־פאַרבאַנד האַלט אין איין אָנשטאָפּן. אַחוץ וואָס כמעט הונדערט מיליאָן אַראַבער לייגן זיך אין דער לענג און ברייט צו ראַ־טעוועט זייער טיף איינגעוואָרצלטען פאַנאַטישן שטאָלץ. קיינמאָל איז די דיספּראָפּאָרץ צווישן קעמפּענדע צדדים ניט געווען אַזוי אומגלייך ווי אין דעם ביטערן שטרייט צווישן ישמעאל און ישׂראל. וואָס מער מ׳וויקלעט דעם אַראַבער מיט קריגס־„וויטאַמינען״, כדי ער זאָל זיך האַלטן אויף זיינע שוואַכע פיס, אַלץ מער רשעות און געגנערשאַפט טראָגט מען אונטער דעם איזאָלירטען ייִדישן קריגער, וואָס באַין ברירהדיק שטייגט זיין גבורה כדי צו פאַרטיידיקן זיין קיום. ניט קיין ווונדער, וואָס דאָס האַרץ פאַלט איין, ווען די כראָניק ברענגט אַרויס יעדן טאָג אבידות וואָס פאַרשאַפן טיפן צער ניט נאָר אייגענע, נאָר אויך יעדן באַוווסטזיניקן ייִדן איבער דער צעוואָרפענער וועלט בכלל און אין מדינת ישׂראל בפרט.

ס׳שטעלט זיך אָבער די פראַגע: צי טוען מיר — די אַמעריקאַנער ייִדן — געהעריק אין דער איצטיקער היסטאָרישער שעת סכנה? צי דערהייבן מיר זיך צו דער קריטישער היסטאָרישער שליחות וואָס דער קיום־גורל האָט אונדז פאַרפליכטעט? אין פאַרגלייך מיט דעם באַין־ברירהדיקן בלוטיקן געראַנגל וואָס די ישׂראלים פירן אויס בשלימות, זענען מיר — זייערע ברידער אין גלות — זייער הינטערשטעליק, ווייל מיר דאָ — גורלדיק באַשיצט אין דעם מעכטיקסטן און פרייסטן לאַנד — דערלאַנגען ניט דעם ישׂראל ישוב די פולע מאָראַלישע און פּאָליטיש־ווירקענדע שטיצע, ווייל מיר פאַרקוקן און פאַר־טומלען זיך צופיל מיט אונדזערע אייגענע דאגות, וואָס דער מלאך־ההיסטוריה וועט אונדז ניט פאַרגעבן אונטער אַזעלכע קריטישע אומשטענדן.

אונזער פאָלקס־גורל איז ענג געקייטלט מיטן קיום־זכות פון דער אויפ־געלעבטער ייִדישער מדינה, וועמען די וועלט באַוווּנדערט. און נאָך מער פאַרזינדיקן זיך מיט דער שטיפמוטערליכער באַציונג צו איר, נאָך אַזאַ מורא־דיקן חורבן וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט אָפּגעבלוטיקט ערשט ניט לאַנג צוריק מיט איר בעסטן טייל קינדער, וואָס דאָס הייליקע בלוט פון יונג און

אַלט האָט „פּערטיליזירט״ דעם ציון באָדן פאַרן תחית העם. זי (די מדינה) נייטיקט זיך אין מאַקסימאַלער הילף.

מיר — דער אַמעריקאַנער טייל פון יידישן מאַרטירער פאָלק — זענען ניט וואַך גענוג! אונדזערע נשמות פיבערן ניט טיף און אָפטער, אין פאַרגלייך מיטן שופר „עקאָ״ פונעם מזרחדיקן שלאַכטפעלד.

אונדזער פאָלקישער געוויסן קומט ניט אונטער דעם נויטיקן באַוווסטזיין פאַר מאָביליזירן דאָס בעסטע אין זיך כדי אָפּצושלאָגן די סם־פּראָפּאַגאַנדע וואָס דער שונא פאַרפּלייצט פּלייסיק איבער אַלע וועלט־ווינקלען, ספּעציעל די סאַטאַנישע פאַרמאַסקירונג פון זייערע רוצחישע כוונות מיט דעם שלאָג־רייץ פון די אַראַבישע פּליטים.

ווו זענען אונדזערע חכמים ונבונים אויף אַלערליי געביטן?

מיר, יידן אין אַמעריקע, מוזן אָרגאַניזירן אַן אימפּאָזאַנטע דעמאָנ־סטראַציע, ווי דאָס האָבן געטאָן די שוואַרצע אין וואַשינגטאָן בימי מאַר־טין לוטער קינג, כדי צו וועקן דאָס געוויסן פון דער וועלט בכלל און אַמעריקע בפרט. ס׳וואָלט ניט געשאַדט צו אימפּראָוויזירן אַ מאַרש געקליידט אין שוואַרץ, און די אַרבל געשטעמפּלט מיט דער געלער לאַטע, וואָס זאָל דערמאָנען דעם נאַצישן זכר לקללה, וואָס אַנשטאָט צו מאַכן פּליטים פון יידישן פאָלק, האָבן זיי דאָס אומגעבראַכט. יידן טאָרן ניט דורכלאָזן די געלעגנהייט אַרויסצוברענגען אויף אַ קאָלעקטיוון וועג אונדזער גערעכטע טענה צו דער וועלט, זיי זאָלן אונדז אָפּצאָלן דעם חוב פון ניט שטערן צו בויען אונדזער ירושהדיקע היים, וואָס מען האָט זי אויסגעלייזט מיט אַזויפיל שווייס און בלוט.

פאַרוואָס שווייגן מיר?

יולי, 1970

אַן אמתדיקער שלום

דערלויבט מיר צו פּאַראַפראַזירן דעם אומשטערבליכן נביא, עמוס, ווען די שטראָף־רייד האָבן זיך געריסן פון זיין מויל, האָט זיין איינגעבוירענע עניוות אים דיקטירט זיין אַריינפיר: „לא נביא ולא בן נביא״.

דער קיום פון מיין געליבט און געפּלאָגט פאָלק שטויסט מיך זיין אויף דער וואַך און צו וועקן וואַכזאַמקייט אין דער קריטישער היסטאָרישער אומוואַנד־לונג, וואָס דער ייִדישער קיום־גוראַנגל מאַכט דורך: אין משך פון העכער איין דור, זיך קוים אַרויסגעצווונגען פון נאַצי חורבן, וואָס האָט פאַרלענדעט דעם בעסטן טייל פון אונדזער פאָלק — צום ליכטיקן קאַיאָר פון אינדאָר־סירטער שטאָטליכער באַנייונג אויף דעם אויסגעבענקטן באָדן פון ארץ־ישראל... און ביז היינט־צו־טאָג באַוואַכט און פאַרטיידיקט — מיטן בלוט און שווייס פון אירע טרייע בויער און העלדישער יוגנט — אירע לאַנגע גרענעצן.

אָבער די געפאַר הערט נישט אויף צו לויערן מיט שׂנאה, פאַרסמטע שכנים, האָט זיך אונטערגערוקט דער רוסישער בער, דער כראָנישער שׂונא פון עם ישׂראל, כאָטש ער האָט פאַרמאַסקירט זיין פּרצוף פון שוואַרץ אויף רויט.

אָט האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו אַ 90־טאָגיקן פייער־איבעררייס, וואָס איז דורכגעוועבט מיט פאַרדעכטיקע כוונות, ווייל דער פאַרפירטער שׂונא שאַרפט נאָך די ציין פון נאָענט און ווייט. וואָס־וואָס, אין ביטערע שׂונאים זענען מיר ייִדן קיינמאָל נישט זשעדנע...

ס'איז אמת, אַז די גרויסמאַכטן מיט זייערע קלענערע נאָכלויפער, מחמת אייגענעם פּחד, אַז דאָס מלחמה פייער פון מיטל־מזרח זאָל נישט אַריבער די ברעגן און דערפירן די גאַנצע וועלט צו אַ טאָטאַלן אונטערגאַנג, — קומען זיי אַצינד מיט זייערע פאַלשע מיילער, און מיט נאָך פאַלשערן שלום אויף זייערע צונגען — אויסלעשן דאָס פייער אין משך פון 90 טעג.

די שׂנאה צום ייִדישן פאָלק איז אָבער אַזוי טיף פאַרוואָרצלט אין די גוייִשע הערצער, אַז מיר — דאָס ייִדישע פאָלק גופא — מוז זיין אויף דער וואַך און האַלטן אַ שאַרף אויג, אַז דער וועג צו אַ זיכערן שלום זאָל צעמענ־טירט ווערן מיט וויזיע און מיט היסטאָרישער דערפאַרונג, און אויך אָנווענדן פּראָפּאַגאַנדיסטישע פּקחות, וואָס זאָל קלאָר באַלויכטן פאַר זיך און פאַר דער

וועלט דעם טיף־איינגעקריצטן דראַנג פון שלום אין דער ייִדישער נשמה. לאָמיר נאָכפאָלגן דעם היסטאָרישן שליאַך פון יציאת מצרים, ווען דער אויסלייז־קאַראַוואַן האָט זיך געצויגן איבער מדבריות אויסגעמוטשעט פון צער און עגמת נפש, אָבער ער האָט אונדז דערפירט צום אייביקן פאַרחתמעטן רעכט פאַר נאַציאָנאַלער סוווערעניטעט.

איידער מיר קומען צו אַ פאַרשטענדעניש וועגן צוריקטרעטן פון מדבר סיני, זאָל דאָס ייִדישע פאָלק מיט דער איניציאַטיוו פון דער ייִדישער מדינה, אין משך פון פייער־איבעררייס אָרגאַניזירן אַ סימבאָלישע דעמאָנסטראַציע אויף דעם היסטאָרישן שטח פון מדבר סיני, פון וואַנעט ס׳האָט אָפּגעהילכט דער רוף פאַר אַ מאָראַלישן סדר העולם: די עשרת הדברות. זאָל דאָס ייִדישע פאָלק דעמאָנסטראַטיוו אַרויסטראָגן אַ רעזאָלוציע פון אַ גאַראַנטירטן שלום אויף די יסודות פון אונדזערע אומשטערבליכע נביאים, פון משה ביז די לעצטע מאַרטירער, וואָס האָבן זייערע לעבנס מפקיר געווען פאַר אַ גערעכטער עקזיסטענץ. זאָל די וועלט איבערצייגט ווערן אויף אַ סימבאָלישן אופן, וואָס פאַר אַ פאַרכאַפּער (אַגרעסאָרס) ייִדן זענען; אַז פון שונאס — אין מלחמה — פאַרכאַפּטן באָדן שאַלט אַרויס איר ווילן צו אייגענעם היים־באָדן מיט באַשיצטע גרענעצן.

אַזאַ שלום־פּראָקלאַמאַציע וועט אָפּטויטן דעם שינאה־סם פון די אַראַ־בישע מאַסן, פאַרפירטע פון זייערע דעמאַגאָגן, און אין דער זעלבער צייט צונאָגלען צום שאַנד־קלאָץ די „מצפּניסטן״, וואָס שלעפּן מיט זיך אונדזער פאַרבלאָנדזשעטע יוגנט, וואָס ווייסן ניט דעם טעם פון אמתן ייִדישן גייסט.

ס׳קאָן נישט זיין קיין שענערע פּאַסאַדע — פאַר דער מיט בלוט און שוויס אויסגעלייזטער ייִדישער מדינה — ווי אַ דערגרייכטער שלום אויף די יסודות פון אונדזער תנ״ך, וואָס ווערט געאַכטעט פון כמעט דער גאַרער וועלט.

מיר מוזן אָפּשיילן פון זיך די גלות פּיזיאָנאָמיע, און זיך באַנייען אין אונדזער היסטאָרישער פּראַכט פון אַן עם רודף צדק ושלום, אין אירע פעסט געזיכערטע גרענעצן, באַקרוינט מיט דער עיר שלום ירושלים.

אויגוסט, 1970

לינדבערגס באַרג אַרונטער

מ׳דאַרף נישט זיין קיין גרויסער היסטאָריקער אייגצוזען, אַז ווען נישט דער ווידערגעבורט פון ייִדישער סוווערעניטעט אויפן באָדן פון אונדזערע אָבות, נאָכן מוראדיקן חורבן וואָס האָט אַוועקגעריסן אַ דריטל פון אונדזער מאַרטירער פאָלק, וואָלטן מיר חלילה מיט דער צייט אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן. נאָר אַזאַ גרויס היסטאָריש ליכט פון ייִדישן מזרח, די אָפיציעל אָנערקענטע ייִדישע מדינה, האָט אָפּגעצויגן דעם שוידער פון דעם נאַצישן חורבן־קאָשמאַר און האָט אַריינגעאָטעמט אַ פריש חיות אין דער ייִדישער נשמה.

נו, קומט איצט צו פליִען דער „אָדלער פון סט. לואיס״, טשאַרלס לינד־בערג, אָנגעלאָדן מיט פּאָפּולאַריטעט, און צעאייטערט די בלוטיקע וווּנד פון אונדזער צערפולן יאָרהונדערט, און ברענגט אַרויס אין דער עפנטליכקייט (הערט און גאַפּט), אַז אַמעריקע, וואָס האָט דערלאַנגט דעם הויפּט קלאַפּ דעם נאַצישן משחית, איז די באַזיגטע, ווייל ווען נישט ענגלאַנד און די הויפּט אונטערשטופּער, די ייִדן, וואָלט זיין „עם הנבחר״, די נאַציס, נישט דערלאָזט זינקען די מערב־קולטור, ווי זי האַלט זיך אין איין אַרונטערקייקלען פון איר מצב... און במילא וואָלט אַמעריקע אויסגעמיטן דעם פּאָליטיש־סאָציאַלן כאַאָס וואָס דריקט זי זייט דעם נצחון וואָס ועט עווענטועל פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ מפּלה, אַדאַנק איר געגענשטעלן זיך היטלערן, ימח שמו וזכרו.

עס גליווערט אין מוח מיט פּחד צו טראַכטן וועגן דעם לינדבערג. ווי קען דער פליִער זיך אויפהייבן אַזוי הויך טעכנאָלאָגיש מיט זיין רעוואָלוצ־יאָנערן אַריבערפלי איינער אַליין קיין פּאַריז, און ווי קען דער זעלבער מענטש זינקען אין אַ טיפן אָפּגרונט מאָראַליש?

מיר דאָ אין אַמעריקע געדענקען נאָך עד היום אונדזער מיטגעפיל צו די לינדבערג עלטערן, וואָס זייערס אַ קינד איז ברוטאַל פון שלאָף־וויג געקיד־נעפּט און דערמאָרדעט געוואָרן און דער דייטש הויפּטמאַן איז געווען דער מלאך המות.

אָבער ווי פּאַראַדאָקסאַל איראָניש־טראַגיש דער פּאַרצערטער טאַטע לינדבערג האָט שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר אַריינגעוועבט זיין נאָמען אין דער בלוטיקער טייוולאָנישער אַוואַנטורע פון דריטן רייך, וואָס האָט אומגעבראַכט

מיליאָנען יונגע לעבנס און פאַרצערט זעקס מיליאָן ייִדישע לעבנס, קינדער קרבנות. און ער, לינדבערג, האָט אין איין אבל'ן אויף דעם פאַראורטיילטן נאַצי־תלין.

ס'איז שוידערליך נאָכצוקלערן ווי אַזאַ נאַצי סאָלידאַריטעט פון לינדבערג און קאָמפּאַני שלאָגט וואָרצלען. פּשוט דערפאַר, ווייל די זיגערישע וועלט האָט נישט געלערנט און וויל נישט לערנען אויסצושניידן דעם גלאָבאַלן קענסער פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס פאַרסמט די מוחות און די הערצער פון גרויס ביז קליין, אָבער מיר ייִדן מוזן פאָרזעצן אונדזער קאַמף באַגלייט מיט בטחון, אַז עם ישׂראל חי!

סעפּטעמבער, 1970

„אור לגויים"

וואָס טיפער דאָס דרינגלעך־היסטאָרישע אויג וויל זיך דערגראָבן צום סוד פון ייִדישן דורכרייס פון אַזוי פיל פּיינלעכע, בלוטיקע אָנפאַלן פון דער אוניווערסאַלער שׂנאה וואָס גיט אונדז ניט קיין רו ביז היינט־צו־טאָג, מוז מען קומען צו דער טרויעריקער מסקנה, אויסגעדריקט אין דעם קלאַסישן „בדמיך חיי".

פּאַראַדאָקסאַל: אונדזערע שׂונאים וואָס לויערן איבער אונדז, חלילה, אומצוברענגען, וואָלטן פון אונדז שוין לאַנג פּטור געוואָרן, ווי אַנדערע געהויבענע פעלקער זענען אַראָפּ פון דער געשיכטלעכער אַרענע — ווען זיי וואָלטן זיך אָוועקדרייען פון דעם פאַרהאַסטן „עם קשה־עורף" און לאָזן אים קאָנסומירט ווערן פון אייגענע תאוות, ווייל וואָס ס'איז גוט צו קענען זיך אַליין: קיין פאָלק אין דער וועלט טראָגט נישט אין זיינע רמ"ח אברים אַזוי פיל יצר הרע ווי דאָס ייִדישע פאָלק. אָבער די שׂנאה שלאָגט זיך אַליין: אונדזערע ליידן אַקטיוויזירן דעם ייִדישן אומשטערבליכן גייסט. מיר זענען דאָך אויגענשיינליך ווי אונדזער פינסטערער חורבן האָט ברכה'דיק דערפירט צו דעם אויפפראַל פון ייִדישן ווידערגעבורט, מדינת ישׂראל, וואָס וווייטאָגלעך צאָלט, עד היום, דעם צערדיקן שׂכר מיטן הייליקן בלוט פון איר העלדישער יוגנט.

און דערפאַר איז דער ייִדישער באַוווסטזיין איבער דער גאָרער וועלט אַזוי צוגעקאָוועט צו דעם לעבנס צענטער, מדינת ישׂראל. אָבער דער כוח הדמיון הערט ניט אויף בייטאָג און ביינאַכט צו שפּאַנען איבער וועגן און שטעגן פון אונדזער לאַנגער געשיכטע — צו זיין וואַכזאַם און פאָדערן פון עם ישׂראל צו באַפעסטיקן דעם מיט אַזוי פיל פּיין־און־בלוט צוריקגעקראָגענעם היים־ווינקל, מדינת ישׂראל.

נאַטירלעך, די זאָרג פאַר פיזישער עקזיסטענץ איז אין פאָדערגרונט: ס'שווינדלט אַזש אין מוח פון דעם סטאַטישן אינדוסטריעלן אימפּאָרט און עקספּאָרט וואָס דאָס קליינינקע מדינת ישׂראל טראָגט אויף זיך. דערצו, וויפיל דאָס ייִדישע פאָלק פון די תפוצות זאָל נישט בייטראָגן, איז נישט גענוג. און ווי ביטער־שווער די לאַסט פון קיום זאָל נישט פּרעסן די ישׂראל באַפעלקערונג גופא, וואָס דאַרף אויף איין אַקסל טראָגן חיונה־משׂא, און אויפן צווייטן אַקסל — די בלוט משׂא פון שלאַכטפעלד און די שמירה פון אירע גרענעצן.

נאָך דעם ריזיקן אָנשטרענג פון גאַנצן ייִדישן פאָלק „סטייעט ניט די חלה אויף דער מוציא" צו קאָנען רויִקערהייט קאָנצענטרירן די ענערגיע צו שאַפן אַ סאָלידן פונדאַמענט פאַר קיום.

געוויס, יעדער פון אונדז און די בעסערע וועלט אַרום אונדז, אפשר צוליב אייגענער זיכערקייט, גאָרט נאָך שלום. און לאָמיר האָפן, אַז דער דויערנדיקער שלום וועט אַריינטרעטן... ערשט דעמאָלט וויל דער ייִדישער געדאַנק־געוויסן מיטגיין און באַגלייטן דעם שלום מיט חזיון, צו פלאַסטערן אַ וועג פון זיכערקייט און געהויבנקייט פאַר אונדזער טייער באַצאָלטן קיום רעכט. דאַן, שטעלט זיך אָוועק דער גרויס־אמתדיקער אויסדרוק: „כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם": אין די העכער 20 יאָר פון דער ניי געבוירענער מדינת ישׂראל האָט זי שוין אַזוי פיל וווּנדער איבער ווונדער אַרויסגעבראַכט איר געניוס אויפן אינדוסטריעל־טעכנאָלאָגישן געביט. אָבער דער נאַציאָנאַלער פאַרגעפּיל זאָגט אונטער, אַז די ראָלע פאַרן ייִדישן פאָלק איז אָנגעצייכנט אויפן גייסטיקן געביט.

מדינת ישׂראל איז אַ קליין לאַנד, געאָגראַפיש גורלדיק, אָבער די גרענעצן פון פּאָטענציעלן גייסט איז אין לשער. דער „אור לגויים" וואַרט אויף אונדז, און נאָר אַזוי קאָן מען צוריקברענגען אונדזער בלאָנדזשעדיקע יוגנט, צוריק אין שויס פון עם ישׂראל.

נאָוועמבער, 1970

טשילע — ווּהין?

היינט צו טאָג, ווען דאָס ייִדישע פאָלק איז צעשפּרייט איבער פאַרשידענע גלותן, אין לענדער מיט רעגירונגען רעכטע און לינקע, און אונדזער אַלעמענס זאָרג פאַר מדינת ישׂראל, וואָס ווערט אָן אַן אויפהער אָנגעגריפן אין דער יו־ען, און דאָס ייִדישע לאַנד איז אָנגעלאָדן מיט אַ שווערן באַרג פּראָבלעמען און געפאַרן, — אין אַזאַ צייט איז נישט פּאַסיק אַריינצושטעלן אין דעם „טאָג מאָרגען זשורנאַל" די נייעס, אין וועלכער ס׳ווערט אויסגעדריקט די פרייד פאַר דעם נייעם רעזשים אין טשילע וואָס איז אַזוי ווייט אָפּגערוקט פון אונדז נישט בלויז געאָגראַפיש, נאָר אויך פּאָליטיש.

אָבער ס׳מוז אונדז ייִדן דאָך אינטריגירן דער נייער דרך פון דעם מאַרקסיסטישן מושל ד״ר אַליענדע אין טשילע. וואָרים מיר געדענקען דאָך נאָך גאַנץ גוט וויפל ייִדיש בלוט און ייִדישע מוחות די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט איינגעשלונגען מיט איבער פופציג יאָר צוריק. און זינט דעמאָלט האַלט סאָוועט־רוסלאַנד אין איין עקספּלואַטירן דעם ייִדישן טאַלאַנט פאַר אירע אייגענע צוועקן און דאָרט, ווו עס לוינט זיך פאַר איר. און ווען זי דאַרף נישט האָבן די ייִדן, מאַכט זי פון זיי דעם שׂעיר לעזאזל, דאָס כּפּרה־הינדל, פאַר אַלע אירע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פעלערן און אומגע־לומפּערטקייטן. און דעריבער טאַקע ליידט איצטער דער צווייט גרעסטער ייִדישער ישוב אין גלות פון פאַרשטומטקייט; די ייִדן אין סאָוועט־רוסלאַנד טאָרן אַפילו נישט שרייען, ווען מען פייניקט זיי. פאַרקערט, זיי מוזן גאָר זינגען לויב־געזאַנגען צו דעם סאָוועטישן גן עדן, אין וועלכן זיי שמאַכטן, און פון וועלכן זיי וואָלטן זיך געוואָלט אַרויסרייסן מיט אַלע זייערע כּוחות.

מיר טאָרן אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אונדזער מערכה אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער, ווי ליבעראַל און ווי גינסטיק פאַר אונדז די דאָזיקע רע־זשימען זאָלן נישט זיין, איז ווייט פון צו זיין אַ געזיכערטע, און מיר טאָרן וועגן איר נישט זיין אָפּטימיסטיש.

און וואָס שייך טשילע, ווו עס האָט זיך איצטער „צעשטראַלט" די פאַנ־טאַסטישע געלעגנהייט צו פּראַקטיצירן די רפואה פון דעם סאָציאַליזם, כּדי אויסצוהיילן די ליידן פון דעם עקספּלואַטירטן טשיליאַנער פאָלק פון אַן אַכט־ניין מיליאָן, וואָס בלויז אַ קליינער טייל פון זיי איז רייך, איז נאָך אַ גרויסע פראַגע, צי דער סאָציאַליזם דאָרטן וועט טאַקע קאָנען אַ סך אויפ־

טאָן, און דאָס גרעסטע פּראָבלעם וועט זיין דאָס וואָס דער אויסלענדישער קאַפּיטאַל עקספּלואַטירט די נאַטירלעכע אוצרות, וואָס דאָס דאָזיקע לאַנד פאַרמאָגט.

מיר האָבן דאָך שוין פאַרזוכט דעם טעם פון גרויסע אידעען און שיינע אידעאַלן ביים אָנווענדן זיי אין דער ווירקלעכקייט. אָבער דאָס מאָל האָט אַ מאַרקסיסט־לעניניסט געקראָגן די ממשלה איבער זיין פאָלק מיט דער הסכמה פון אַ פאָלקס־אָפּשטימונג, וואָרים אַפילו זיינע אידעאישע קעגנערס זענען דאָך צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל איבערנעמען די רעגירונגס־מאַכט.

די פראַגע איז: צי וועט דער נייער רעזשים טאַקע ברענגען אַ בייעם ליכטיקן טאָג פאַר טשילע, אָדער וועט זיך אָנהייבן פאַר דעם דאָרטיקן פאָלק אַ פינצטערע באָלשעוויסטישע נאַכט?

דעצעמבער, 1970

וועגן די רוסישע יידן

פון איין זייט שטורמען ד רוסישע יידן מיט אַזוי פיל פּקוח נפש די שווער פאַרהאַקטע סאָוועטישע טיר און טויערן, און זיי האָבן זיי צעשפּאַרעט... אָבער שפּעטער, ווען זיי ווערען אויסגעשפּיגן פון פּאַניעס אינגעווייד און רייסן זיך אַריין אין דער אויסגעבענקטער מולדת מדינת ישׂראל — הייבן אָן אַ טייל פון זיי זיך אויסטשוכען און ברענגען אַרויס די מצרישע טענער: זכרנו „עס״ רוסישן באָרשט און (זאָל זיין אין לאַנגען „אָטשערעד״ אָבער) געשמאַקן ראָזעווע ברויט״ און ערגער ווי די מרגלים פאַרקירעווען זיי דעם קשה־עורף און ווי ציגיינער באַטרעטן זיי דעם עסטרייכישן, היטלערישן „דאָלעראַזאַ״, און פון דאָרט גנבענען זיי זיך אַריבער קיין רוים, קיין בעלגיע, כדי צו שפּינען אַ פרישן גלות...

אָ, ווי די וועלט קוקט אויף אונדז ווי אויף שפּיאָנען!

טאָ ווי אַזוי זאָל דאָס זעלבע אומשטערבליכע תורה־שריפט, וואָס האָט אונדז געלאַשטשעט מיט „אתה בחרתנו״... האָט אויך אויף אונדז אָנגעמאָסטן די תוכחה... אוי, ס'וויבירט אין די אויערן און אין האַרץ די ביטערסטע תוכחה מיטן רוף פון די קדושים, מיליאָנען פאַרשניטענע אין נאַצי־חורבן!

און מיר דאָ אין אַמעריקע, בני ישׂראל, וואָס גלעטן זיך די בייכלעך און קוויקן זיך מיט די „כצפּיחית בדבש״ טשעקעלעך — פאַרגעסן אַז דאָס „דבש״, האָניג, ווערט באַגלייט מיט גיפט... דאָ אין דעם ליכטיקן גלות־אַמעריקע, אויך דאָ טוליען מיר זיך ווי שאָף אָן פּאַסטוכער אויף פּעטע לאָנקעס.

אָקטאָבער, 1974

מונטערן דעם וועלט־געוויסן

לאָמיר זוכה זיין נאָכקומען אונדזערע קיום־פּליכטן. אַ שאָד וואָס אין אונדזער כאַאָטישער וועלט שמאַכט דער געוויסן אַ פּאַראַליזירטער. ניטאָ אַ צווייטער עמיל זאָלאַ מיט זיין דורכדרינגליכן פּראָטעסט: „איך באַשול־דיק”... און נאָך שמערצליכער, וואָס מיר — אין אונדזערע יידישע רייען — פאַרמאָגן ניט אַ יורש צו חיים נחמן ביאַליק, וואָס זאָל מיט זיין נביאות־פּאָעטישן געניוס און חזיון אַרויספירן — ווי בימי שחיטת קישינעוו — פון ציישטווייליקן קריזיס.

אונדזערע שארית הפליטה־ברידער וואַרפן־פאָר דעם אַמעריקאַנער יידנ־טום אָן אויפהער, פאַרוואָס מיר האָבן ניט אויפגערודערט די עפנטליכקייט מיט אַ הימלשרייענדיקן פּראָטעסט אָראַטאָריש, שריפטלעך און דעמאָנסטראַ־טיוו איבער דער ברייט און לענג פון דער פרייער אַמעריקע, כדי צו פאַרמיידן די בעסטיאַלע פאַרניכטונג פון בעסטן, שעפערישסטן טייל פון אונדזער פאָלק אין דער הויך ציוויליזירטער אייראָפּע.

ווי וועט אָבער זיין צו אונדז אויב מיר וועלן ניט רעאַגירן אַצינד אין איצטיקן ישׂראל־קריזיס, ווען די אוניווערסאַל־דעלעגירטע יר־ען האַלט אין אויפפּראַלען אירע טירן פאַר פאַלעסטינער אַראַבער, אָנגעפירט פון אַ באַנדע פּראָפעסיאָנאַלע טעראָר־רוצחים, צעשפּרייט איבער אַלע וועלט־טיילן און פאַרסמען די מוחות פון רעכטס און לינקס מיט זייער גיפטיקער פּראָפּאַגאַנדע (פינאַנסירט מיט אויל־אוצרות) בוכשטעבליך און אָפן צו אומברענגען די יידישע היים — מדינת ישׂראל...

וויפל נאָך מלחמות קאָן די בלוט־אָפּגעצאַפּטע, פון נויט און מי פאַר־מאַטערטע מדינת ישׂראל אָפּשלאָגן, ווען מיר, דער רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק אין דער פרייער אַמעריקע וואַרפן זיך ניט אַריין מיט אונדזער לייב און לעבן צו וועקן און אויפשטורעמען דעם געוויסן פון דער גרויסער וועלט, און דערמיט באַקעמפן די געשיקטע פּראָפּאַגאַנדע פון דעם אויפגעמונטערטן, פאַראייניקטן אַראַבערטום, געשטיגן אין איינפלוס אַדאַנק די פאַנטאַסטישע אויל־קוואַלן.

מיר מוזן דעמאָנסטרירן און וואָלונטירן נאָכמער ווי אין 1967. אַרויס־ברענגען עפעקטיוו און טאַקטיש אונדזער מאַרטיראָלאָגיע אין די לעצטע פּאָר דורות. אַפילו אָנווענדן — מיט דער הילף פון פילפאַכיקער אינסצע־

נירטער קונסט — ווי מאַרשירענדע קאָלאָנעס פון קרעמאַטאָריע־געראַטעוועטע; אַלערליי נאַצי־פאַשיסטישע מאַטער און צייכן־סימבאָלן; מאַרשירן אין לאַנגע קאָלאָנעס, באַקליידעט אין שוואַרצן „פּוץ" (פון פּלאַסטיק אָדער פּאַפּיר); מיט שטאָלץ און ווירדע דעמאָנסטראַטיוו לאָזן וויסן דער וועלט דאָס מיר וועלן מער ניט נידערן אין טאָל פון שטאַטלאָזיקייט און היימלאַזיקייט, וואָס האָט פון אונדז אַרויסגעריסן מיליאָנען אומשולדיקע, אַלט און יונג, דעם בעסטן טייל פון אונדזער עם־ישראל, וואָס האָט באַרייכערט די וועלט מיטן אומשטערבליכן ספר־הספרים און קולטור־אוצרות...

מיר דאָ אין אַמעריקע, טראָגן טאַקע צו צום וווילזיין פון אונדזער הייס־געליבטער מדינת ישראל קאָלאָסאַלע געלט־מיטלען, אָבער גייסטיק זענען מיר שלאָבעריק און פּאַסיוו; מיר ליידן פון שפּע־אַמנעזיע, אַביסל צו־פיל פאַרשיכּורט מיט עולם־הזה פאַרוויילונגען... מיר שטייגן איבער אַנדערע עטנישע פעלקערשאַפטן מיט אונדזערע מאָראַלישע מידות, אָבער אונדזער קריטישער קיום לייגט אַרויף אויף אונדז גרעסערע התחיבותן.

מיר טאָרן נישט איינדרימלען. מיר מוזן קאָנסאָלידירן אונדזערע גייסטיקע פּאָטענצן און צוציִען די שאַרפע ייִדישע מוחות, וואָס מיר פאַרמאָגן גאָט צו דאַנקען אין אַ היפּשער מאָס... מיר קאָנען און מוזן מאָביליזירן די ייִדישע גאונות צו מונטערן דעם וועלט־געוויסן, וואָס איז פאַרחלשט.

פּ.ס.: זאָלן די ציניקער שמייכלען איבער די שורות און די פיינשמעקערס אַ מאַך־טאָן מיט די נעזער... אָבער די בעסערע פון אונדזער געטריי פאָלק וועלן איינשטימען דאָס די שורות זענען ניט אַ רעזולטאַט פון היסטעריע, נאָר טיף־איינגעקריצטע היסטאָריע...

דעצעמבער, 1974

נאָר ניט צולאָזן דעם יאוש

די שורות ווערן געשריבן זונטיק פאַרטאָג, סליחות־צייט, ווען נאָך אין אונדזערע צייטן, קודם החורבן, זענען די יראַי־שמימדיקע שמשים אַרויס־געגאַנגען איבער די גאָטספאַרכטיקע ישובים אין אייראָפּע און געקלאַפּט אין די פענצטער און געוועקט די צאן קדשים צו סליחות.

ווי איז צו אונדז. נישט נאָר די שמשים, די ערדישע מלאכים־שליחים זענען פאַרשוווּנדן, נאָר מיט זיי איז דאָך אויך פאַרשוווּנקט געוואָרן אין פאַר־שאָלטענעם נאַצי־מבול דער הייליקסטער און שעפערישסטער טייל פון עם ישראל. און ביז היינט־צו־טאָג, אַפילו מיטן גרויסן זון־אויפגאַנג פון דעם ירושהדיקן היימלאַנד — מדינת ישראל — קאָן נאָך אַלץ ניט געניסן דאָס יידישע פאָלק דעם מנוחה־באָדן, וואָס זיי האָבן מיט בלוט און שוויס צוריק־געקראָגן... היינט־צו־טאָג פלאַטערט דאָס שטורעמדיקע הארץ פון ישוב צוליב דעם אוניווערסאַלן צוואַנג — אומגליקליכערווייז מיט אַמעריקע בראש — צוריקצוקערן די מצרים דעם וויכטיקסטן סיני־טייל וואָס דער יידישער כוח האָט איינגענומען אין דעם גלאָרייכן נצחון אין 1967...

די גרויסע טרייסט איז אָבער, וואָס אונדזער נצח־ישראל איז ניט קיין ערדישער, אונדזער קיום איז פאַראייביקט געוואָרן מיט דער גייסטיקער מתנה וואָס מיר האָבן מיטגענומען פון מדבר סיני, די תורה.

מיר, אַלע יידן — סיי אין גולה און נאָך מער אין מדינת ישראל — מוזן מיט פולער אחריות און חזון־אחריות אויף אַ קאָלעקטיוון אופן האַלטן טייער ווי דעם שוואַרצאַפּל פון אויג די וויכטיקייט פון אַן אייגענער היים, זיך אָריענטירן צו פאַרפעסטיקן די מדינה מיטן אייביקן שוץ־מיטל: גייסט; לערע, וואָס איז פאַרקערפּערט אין דעם מתן־סיני: תורה... און מיט אַ רעאַ־ליסטישן צוגאַנג צו דעם אוניווערסאַל־וויסנשאַפטליכן מאָרש פאָרויס.

מיר וועלן אייביק טראָגן אין אונדזערע הערצער דעם זכרון פון די גבורי ישראל, וואָס האָבן מיט זייערע יונגע לעבנס באַשוצט און פאַריאָגט די צען־מאָל גרעסערע אַראַבישע האָרדעס. נאָר מיר טאָרן ניט פאַרצווייפלט ווערן ווען פאַרכאַפּטער באָדן ביים אָפּגעבן זאָל זיך אונדזער קיום אַ טרייסל טאָן. דער יידישער געניוס האָט אין די קאַרגע דרייסיק יאָר איבערצייגט דער וועלט ווי אַ גרויס פאָלק קאָן באַפרוכפּערן מדבר־שטח און פאַר זיך פאַראייביקן זיין היים, מדינת ישראל.

החיים והמות בידי ה„מעדיאַ“

צום באַדויערן זענען מיר דער „עם לבדד“ צוגעווינט טאָג־איין טאָג־אויס אַרונטערצושלינגען די עפּידעמישע שׂנאה־דיעטע, וואָס די נייעס־אַגענטורן טראָגן אונטער צו שטילן די סאַדיסטישע אינסטינקטן פון די דאָרשטיקע אָפּנעמער.

זייט אָבער די רוצחישע פּי.על.אָ. האָט פאַר זיך געשאַפן אַ נעסט אין דער יו־ען און הוליען דאָרט אונטערן צודעק פון די אויל־אָנגעפּוטשטע אַראַבישע דעמאַגאָגען, געשטיצט און געגלעט פון דער קאָרופּטירטער רויטער מחלה — זייט דאַמאָלס איז שמערצליך צוצוזען ווי די אויטאָריטאַטיווע „ניו יאָרק טיימס“ האָט זיך אַוועקגערוקט פון איר אָביעקטיווער שטעלונג צו מדינת ישׂראל און ‚פּיטשורט‘ די יידישע נייעס מיט אומגעדולד און בייזקייט צו דער יידישער מדינה. בפרט איר שטענדיקער ישׂראל־קאָרעספּאָנדענט טערענס סמיטה שפּיגלט־אָפּ אויף אַ דורכזיכטיקן נעגאַטיוון אופן דעם ביטערן גע־ראַנגל פון דער יידישער מדינה; דעם פּירוד הלבבות פון די פּאַרטייען און אומצוטרוי פון דער באַפעלקערונג צו דער ראַבין־אַדמיניסטראַציע, וואָס האָט אַזעלכע שווערע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען פאַר זיך...

דער זעלבער קאָרעספּאָנדענט ווען ער טעלעגראַפירט זיינע נייעס וועגן די ווילדע, אויפגערייצטע מאַסן־דעמאָנסטראַציעס פון דער אַראַבישער יוגנט באַפּעסטיקט ער סענסאַציאָנעל מיט די שרעקליכסטע „בלוט“־בילדער, וואָס די ישׂראל־„אָקופּאַנטן“ צעפירן זיך די הענט... אין דער צייט ווען אין דער שכנ׳ישער לבנון פליסן טייכן בלוט, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס אַ רעזול־טאַט פון צעווילדעוועטן אַראַביזם. איך גיי ניט קייען די פּחדנישע פּאַטריאָ־טישקייט פון דער „טיימס“, אָבער זי מעג האַלטן נאָענט איר וואַכזאַם אויער צו דער יידישער מיליאָניקער באַפעלקערונג, וואָס זי גיט אַרויס די מייסטע „חסידים“ פון דער בפּירוש־וווּנדערליכער צייטונג און שטאָלצירן דערמיט וואָס זי איז דער אייגנטום פון אחינו בני ישׂראל. אָבער די יידישע צייטונג איז מאַמע׳ש האַרציק נאָענט...

1974

וועגן אַלטע און קראַנקע

מחמת פערזענלעכע פאַמיליע פּורעניות אין די לעצטע פּאָר יאָר, בין איך געוואָרן אַן אָפטער באַזוכער, סיי אין שפּיטאָלן און סיי אין מושב זקנים, ווו כ׳האָב געקראָגן די געלעגנהייט צו זיין אין קאָנטאַקט מיט פאַרשידענע קראַנקע בכלל און יידישע בפרט, ווייל יידישע סענסיוויטעט באַגלייט דעם באַוווסטזיניקן יידן אומעטום, סיי אין פריידן, סיי אין ליידן.

אין אַ קריטישער לאַגע, ווען ס׳באַפאַלט, חלילה, אַן ערנסטע קראַנקהייט, און מ׳איז געצוווּנגען אַריינצוגיין אין שפּיטאָל, אַפילו דאַן פּרעפערירט מען אַ יידישן שפּיטאָל, ווו די אַטמאָספערע איז מער יידיש.

ווער שמועסט, אַז דער זקנה־גורל איז גורם זיך צו שיידן מיטן אייגענעם מקום־מנוחה, און מ׳מוז די לעצטע שקיעה־יאָרן פאַרזוכן דעם טעם פון „אַל תשליכנו לעת זקנה״ אין אַ מושב זקנים, ווו דער צעבראָכענער זקן (אָדער זקנה), סיי פיזיש, סיי גייסטיק, מוז אָנגורטן די לעצטע כוחות זיך אַריינצו־פּאַסן אין דער פיינליכער סביבה פון עלנטקייט און מרה שחורה

אָביעקטיוו קלערנדיק, דאַרף מען דאַנקבאַר זיין, וואָס די פעלקער האָבן געשאַפן אַזעלכע לעבענס־נויטיקע אינסטיטוציעס, ווי עלטער־היימען צו געבן שוץ און הילף מענטשן אין די עלטערע יאָרן. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז די יידי־שע מושב זקנים זענען היימישער און האַרציקער ווי אַנדערע עטנישע „האָומס״.

צום באַדויערן פילט זיך אָבער אויך אַ טיפערע מרה שחורה אין אַ היפּשן טייל פון די יידישע עלטער־היימען. פרעגט זיך: ווו זענען אונדזערע רעליג־יעזע אויפפּאַסער, וואָס ציטערן און פריינדלען זיך צו עלטערע מתפּללים כל־זמן זיי שלעפּן זיך אַריין אין די בתי תפילות, וואָס אָן זיי וואָלטן זיי געפּוסטעוועט... נאָכער, ווען דאָס שוואַכע געזונט פאַרלאָזט זיי, און זיי ווערן מגולגל אין אַ מושב זקנים, פאַרוואָס אינטערעסירט זיך נישט דער דעת הקהל — און אויך די יידישע פילאַנטראָפּיע — צו מינערן דעם טרויער און דעם עלנט פון יידישער היימלאָזיקייט.

ס׳ליגט אַ חוב אויף אונדזערע רעליגיעזע פאַרשטייער — סיי רעפאָרמער, סיי קאָנסערוואַטיווע און נאָך מער אויף די אָרטאָדאָקסישע — זיי זאָלן אַריינ־שטעקן אַ פוס אין די פאַראומערטע אינסטיטוציעס, ווי שפּיטאָלן און מושב זקנים, און צולייגן אַ מיטגעפיל אויער צו די טראַגישע זקנים און אומהיילבאַרע, וואָס האָבן אין זייערע געזונטע שאַפונגס יאָרן בייגעטראָגן צום וווּקס פון די הילפס־אינסטיטוציעס.

אַ יְהוֹאָש פֵייערונג

סיי דער נאָמען זיינער — יהואש, איז אַ תנ״ך אַרויסגעוואַקסענער, סיי ער אַליין: דער דיכטער, דער שאַפער — האָט זיך איינגאַנצן אַריינגעוואַקסן אין תנ״ך פאַנטעאָן מיט זיין גרויסן טאַלאַנט, מיט זיין געניאַל־אינטעלעקטועלן פלייס; מיט זיין צאַנקענדיק שוואַכן געזונט, און מיט זיין שעפערישער נשמה.

די גרויסע מתנה וואָס יהואש האָט פאַרירשנט דעם יידיש־רעדנדיקן מענטשן (וואָס אייגנטליך אַזאַ ריזיק־גייסטיקע אַרבעט פון אַזאַ פאַרנעם וואָלט היינטיקע צייטן פראָצעסירט געוואָרן מיט דער הילף פון אַ ביוראָ מיט אַ שטאַב קלאַסיפיצירטע אַרויסהעלפער) האָט יהואש מיט איבער־מענטשלעכן כוח אַליין איבערגעגאָסן פון איין הייליקער כלי אין אַ צווייטער — אונדזער מאַמע לשון יידיש, ניט פאַרזעענדיק אַן איינצל אות, אַפילו ניט אַ נקודה פון דעם אָריגינאַל.

דאָס איז דאָך אַ וווּנדער־שאַפונג ניט נאָר פון מענטשלעכער בקיאות, נאָר אויך פון פּרעציזקייט, און פון גייסטיקער הערלעכקייט.

ס׳איז אַ זכיה פאַרן יידישן לשון, דאָס אַזאַ אייביקייט־ליטעראַרישע שאַפונג, דער תנ״ך, וואָס איז אָנגענומען כמעט אין אַלע וועלט־טיילן אַלס אַ קרן קימת מיט דער הילף פון איבערזעצונג — האָט געקראָגן איר תיקון מיט דער נשמה־ליבע פון אַזאַ איבערזעצער ווי יהואש.

לפי עניות דעתי האָט קיין איינער פון די שעפער אין דער יידישער שפּראַך ניט אַזוי פאַרפעסטיקט און צוגעגעבן דעם גרויסן כבוד, פּרעסטיזש. אַזאַ מאָנומענט האָט זיך כשר פאַרדינט געערט צו ווערן ניט נאָר צום איצטיקן 100־יאָריקן יובילעאום פאַר דעם אומשטערבליכן דיכטער־שעפער, יהואש, נאָר אויך פאַר הונדערטער יובילעאומס פאַר להבא.

אינהאַלט

לידער מיינע 7
אַ יינגעלע אַ פייגעלע 8
פריִע קינדהייט 9
ווינטער 10
אַ דאָרפישער קאַיאָר 11
ריר זיך 12
זאָג מיר רבי׳ניו 13
אַ וואַסער מיל 14
אומרו 16
זומער אידיליע 17
בין השמשות 18
האַרבסט 19
פאַעטישער האַרבסט געמיט 21
די מאָרגן בשורה 22
אין געפאַנגענשאַפט 23
רו־אידיליע 24
צווישן ליכט און שאָטן 25
דער וועכטער־פאָעט 26
אַ רוף צו יוגנט 28
שטורם איבער אַזיעראַ 29
הער זיך איין 31
האָרץ, זיי וואַך 32
טרייב אָפּ פון זיך יאוש 33
פאַלט פון בוים אַ בלאַט 34
דער מבול און די טויב 35
טוב ורע 36
אַ פאַלשע וואַגשאַל 37
אַ טענה צו מאַמע־ערד 38
אַ טראָפּן רעגן 40
די פליג 41
דער רואה און דער בלינדער 42
עם ישראל חי 43
די בשורה פון 29 נאָוועמבער 46
מדינת ישראל, שלום ! 47
ירושלים 49
דוד בן גוריון 50
משה 54
כי מציון תצא תורה 55

באפרייטע ירושלים 57
מאיר ראָזענבערגס עליה 58
על חטא 59
עליה, עליה! 60
ז כ ו ר 62
אַן אורח אין יו־ען 63
יד ושם 64
עיראַקער תלייה 66
יום השואה 67
סדום האַלט ווייטער אַן 69
היקבצו! 70
קיינמאָל ניט פאַרגעסן 72
אוגאַנדאַ טריאומף 73
פאַנג אָן מיט זיך 74
ייִדישער קריסטמעס געמיט 75
מענטש און מיט־מענטש 77
ווי לאַנג גלות־וועג? 78
אַ מתנה מיין חזן 79
יאָסעלעס געבורטס־טאָג 80
אַ באַגריסונג חנה׳לען 81
טאַטנס יאָרצייט 82
מאַמעס יאָרצייט 83
אַ זכרון־ליד מיין ברודער יאָסל 84
באַלאַנסירטע זיקנה 86
אל תשליכנו 87
קוים זיך אַרויסגעריסן 88
אַליין 89

צייט נאָטיצן

למען ירושלים לא אשקוט 91
ווער איז דער קרבן? 94
אַן אמתדיקער שלום 96
לינדבערגס באַרג אַרונטער 98
„אור לגויים" 100
טשילע — וווהין? 102
וועגן די רוסישע ייִדן 104
מונטערן דעם וועלט־געוויסן 105
נאָר ניט צולאָזן דעם יאוש 107
החיים והמוות ביד ה„מעדיאַ" 108
וועגן אַלטע און קראַנקע 109
אַ יהואש פייערונג 110